בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**נז**
**פרשת תזו"מ תש"פ**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


**הראשית והתכלית בלי הבדל**
**'מייחד יחודים'**
**מי יתן והיה לנו מנהיג...**
**"דו האסט מיר געמאכט פאר א איד"**
**קבעת עתים לתורה?!**
**אם חומה היא...**
**זיך 'געזעגנט' מיט'ן טאג...**
**הולך בדרך תמים הוא ישרתני**
**תורתו קבע ומלאכתו עראי**
**שמירת הזמן**
**א זריז אין 'שלאפן'...**
**שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה**
**שאו מרום עיניכם**
**ער איז ביי זיך א גלאט שטיקל בלאטע...**
**א שנעלע מקוה...**
**תולדותיהם של צדיקים...**
**און אלף-בית וואס אלע אותיות שיינען...**
**לך אל נמלה עצל...**
**יום הנסיעה**
**גודל כח הבחירה**
**ויכבד פרעה את לבו**
**ער וועט דאך ממילא אויספירן...**
**אלעס דערציילן דעם אויבערשטן**
**הויבט אן נוצן אייערע אוצרות**
**אביסעלע איז אויך גוט...**
**ולא יקח שוחד**
**'מעשה הצדקה'**
**ראוי להביא קרבן תודה**
**גיבט מיר וואפנע מיט ציגל**
**ויחכם מכל אדם**


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 57**


©

כל הזכויות שמורות


**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**


יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**


כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# פרשת בא, שנת תשל"ח

(טייפ מס' 301#)

## הראשית והתכלית בלי הבדל

(לומד בחיי מוהר"ן אות ע"ו:) "שַׁיָּךְ לְאָלֶף־בֵּית הֶחָדָשׁ אוֹת דַּעַת סִימָן א' בְּסוֹפוֹ:[א] "וְגַם יוֹדֵעַ הִתְאַחֲדוּתָם הַיְנוּ רֵאשִׁיתָם וְתַכְלִיתָם כִּי בְּרֵאשִׁית וּבְתַכְלִית הֵם בְּאַחְדוּת בְּלִי הֶבְדֵּל". אֶפְשָׁר שֶׁזֶּה הָיָה קְצָת כַּוָּנַת רַבֵּנוּ ז"ל בְּהַתּוֹרָה הַמַּתְחֶלֶת: "לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה'", בְּלִקּוּטֵי תִנְיָנָא סִימָן ל"ט,[ב] "כִּי לְכָל דָּבָר יֵשׁ הַתְחָלָה וְתַכְלִית" וְכוּ', עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב"...

"יעדע זאך האט א 'התחלה' און א 'תכלית'" - דאס איז א געוואלדיגער זאך!

דער מענטש, אז ער וויל עפעס אנהויבן א זאך, דארף ער שוין האבן אין דער זאך דער 'תכלית' אויך!

דאס הייסט 'דעת'! דער 'דעת' הייסט א 'חיבור', א 'התחברות'!

יעדע זאך מוז האבן א 'התחלה' און א 'תכלית'! די שלימות פון א מענטש איז אזוי, איך הויב אן א זאך, וואס הויב איך אן? די זאך מוז האבן א 'תכלית' אויך! ממילא

---

[א] ספר המדות - ערך דעת, חלק שני אות א': דַּע, כִּי לְכָל הָעוֹלָמוֹת וּלְכָל נִבְרָא יֵשׁ לוֹ קוֹמָה מְיֻחֶדֶת וּבִנְיָן מְיֻחָד. לְמָשָׁל מִין הָאַרְיֵה - קוֹמָתוֹ נִבְדָּל מִמִּין הַצֹּאן הֵן בְּכֹחוֹ וְהֵן בְּבִנְיַן אֵיבָרָיו וְהֵן בְּקוֹלוֹ, וְכֵן בְּמִין הָאַרְיֵה בְּעַצְמוֹ יֵשׁ הֶבְדֵּל בֵּין כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וְכֵן בְּכָל הַנִּבְרָאִים הַהֶבְדֵּלִים הֵן כֻּלָּם רְמוּזִים בִּתְמוּנַת הָאוֹתִיּוֹת וּבְצֵרוּפֵיהֶם. וְהַזּוֹכֶה לְהָבִין אֶת הַתּוֹרָה, יוּכַל לְהָבִין רְמִיזוֹת כָּל הַהֶבְדֵּלִים שֶׁבֵּין כָּל הַנִּבְרָאִים, וְגַם יֵדַע הִתְאַחֲדוּתָם, הַיְנוּ רֵאשִׁיתָם וְתַכְלִיתָם כִּי בְּרֵאשִׁית וּבְתַכְלִית הֵם בְּאַחְדוּת בְּלִי הֶבְדֵּל.

[ב] עי' תו' ל"ט תניינא: "לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה' אֲשֶׁר שָׂם שַׁמּוֹת בָּאָרֶץ" (תְּהִלִּים מ"ו). כִּי בֶּאֱמֶת הַדָּבָר נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד, אֲשֶׁר בָּרָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֶת כָּל הַבְּרִיאָה, שֶׁיֵּשׁ בָּהּ כַּמָּה וְכַמָּה דְּבָרִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד ... וְעַל־כֵּן יֵשׁ בְּוַדַּאי בְּכָל דָּבָר וְדָבָר, שֶׁנִּבְרָא בָּעוֹלָם בְּחִינַת הַתַּכְלִית, כִּי בְּכָל דָּבָר וְדָבָר יֵשׁ בּוֹ הַתְחָלָה וָסוֹף, דְּהַיְנוּ הַהַתְחָלָה מִמָּקוֹם שֶׁנִּשְׁתַּלְשֵׁל בְּהִשְׁתַּלְשְׁלוּת, עַד שֶׁנִּתְגַּשֵּׁם וְנִתְהַוֶּה בָּזֶה הַתְּמוּנָה וְהַדְּמוּת, וְגַם יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף, שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה נִבְרָא, דְּהַיְנוּ שֶׁיְּכוֹלִין יִשְׂרָאֵל לְהַעֲמִיק עִיּוּנָם וְלָדַעַת וּלְהִתְבּוֹנֵן בִּפְרָטֵי הַבְּרִיאָה, בְּתַבְנִית הָאֵיבָרִים וּבִנְיָן וְקוֹמָה וּדְמוּת וְכוּ' שֶׁל כָּל דָּבָר וְדָבָר, לְהִתְבּוֹנֵן בָּהֶם גְּדֻלּוֹת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, וּלְעָבְדוֹ יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי־זֶה...

אויב מען טוהט די זאך (באופן) די זאך זאל האבן א 'תכלית', ממילא איז שוין די זאך אנדערש!

ווען האט עס א תכלית? אז ס'איז נאר לשמים! אויב די זאך איז אפגעריסן פונעם אויבערשטן האט עס שוין נישט קיין 'תכלית'!

ווארום דער לעצטער 'תכלית' - וואס איז דער 'תכלית'? ווער איז דער 'לעצטער תכלית'? דער לעצטער תכלית איז נאר דער אויבערשטער אליין! ממילא אויב איך מוז טראכטן וועגן דעם 'תכלית', מוז איך טאקע אינזינען האבן דעם אויבערשטן!

אויב אז איך טוה דער זאך 'אליין', איז עס 'אָן א תכלית'! 'תכלית' אָן 'השם יתברך' - איז נישטא קיין 'תכלית'! הייסט עס נישט קיין 'תכלית'! איז עס נאך נישט דער 'תכלית'![ג]

"יעדע זאך דארף אן 'התחלה' און א 'תכלית", דער מענטש זאל זיך מתבונן זיין אין דער זאך, קען ער זיין אן 'איש כשר באמת'! "יעדע זאך האט אן 'התחלה' און א 'תכלית'!".

(ממשיך בחיי מוהר"ן שם:) "**וְאֶפְשָׁר הָיְתָה כַּוָּנָתוֹ עִנְיַן הַנַּ"ל, שֶׁצְּרִיכִין לִזְכּוֹת לֵידַע וּלְהַשִּׂיג עִנְיַן הַנַּ"ל, שֶׁבְּהַהַתְחָלָה וְהַתַּכְלִית הֵם בְּאַחְדוּת בְּלִי הֶבְדֵּל**".

❖

אינ'אמת'ן איז נאך א זאך (מרומז) דא: ער וועט אינזינען האבן דעם 'תכלית', אבער 'דערווייל' הויבט ער אָן? 'ניין'! דאס דארף זיין 'צוזאמעןביידע' - זאגט דער רבי דא!

"וזה באחדות" אָן קיין שום 'הבדל'! ס'איז נישט דער פשט: "איצטער הויב איך אָן, און שפעטער וועל איך אינזינען האבן דעם תכלית", נאר "צוזאמען ביידע - אָן א

[ג] עי' ליקו"ה הל' סימני בהמה וחיה טהורה ד' אות כ"ג-כ"ד: ... כִּי כָּל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם, אַף-עַל-פִּי שֶׁכָּל אֶחָד מְשֻׁנֶּה מֵחֲבֵרוֹ מְאֹד בְּמַרְאִיתוֹ וְטַעֲמוֹ וְרֵיחוֹ וְתַבְנִיתוֹ, אַף-עַל-פִּי-כֵן בְּרֵאשִׁית וְתַכְלִית הֵם בְּאַחְדוּת בְּלִי הֶבְדֵּל, כַּמְבֹאָר בְּסֵפֶר הָא"ב הֶחָדָשׁ בְּאוֹת דַּעַת סִימָן א', מְבֹאָר שָׁם כִּי בְּרֵאשִׁית וּבְתַכְלִית הֵם בְּאַחְדוּת בְּלִי הֶבְדֵּל ... שֶׁעִקַּר הָאֱמֶת הוּא הַתַּכְלִית, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, שֶׁבְּכָל דָּבָר שֶׁיִּרְאֶה יַאֲמִין מִיָּד שֶׁה' יִתְבָּרַךְ בָּרָא אוֹתוֹ בִּרְצוֹנוֹ בַּתַּבְנִית הַזֶּה וּבַטַּעַם הַזֶּה וְכוּ', וְיִכְסֹף וְיִשְׁתּוֹקֵק וְיִשְׁתַּדֵּל לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ עַל-יְדֵי-זֶה הַדָּבָר, כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל בְּהַתּוֹרָה לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה' (בְּסִימָן ל"ט בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא) וְכוּ'...

הבדל", אָן א 'הבדל'! אז נישט - איז טאקע גארנישט, איז גאר קיין שום זאך נישט! ווייל נאר דאס הייסט דבקות צום אויבערשטן!

צדיקים זענען געווען תמיד דבוק אינעם אויבערשטן, יעדע זאך איז געווען ביי זיי די 'התחלה' - שוין געווען דארטן דער 'תכלית', ס'איז אָן קיין שום 'הבדל'!

א מענטש טוהט עפעס א זאך, און דארטן איז נישטא דער 'תכלית', איז ער אפגעריסן פונעם אויבערשטן! ס'איז גארנישט, ס'איז נישט קיין זאך, א 'בהמה', אפגעריסן!

❖

# 'מייחד יחודים'

עס ווערט געבראכט טאקע, אז מען איז מיט יעדע זאך 'מייחד יחודים'! וואס מען טוהט - איז מען אלץ מייחד יחודים, מיט'ן עסן, מיט'ן שלאפן, מיט'ן גיין, מיט'ן רעדן!

מיט וואס בין איך 'מייחד יחודים'? 'לשם יחוד קודשא ברוך הוא ושכינתיה', אויב איך האב אינזינען 'זיך' - בין איך מייחד יחודים?! ווערט עפעס א יחוד למעלה?!

אבער ווי דער רבי זאגט דא, איז שוין דא 'יחודים'! אז איך טוה דער זאך און ס'איז שוין דארטן דער 'תכלית', ווערט שוין א 'יחוד למעלה', איז שוין גאר עפעס אנדערש!

'דער' עסט און 'דער' עסט, 'דער' שלאפט און 'דער' שלאפט,[ד] - דער רבי זאגט טאקע: א 'איש כשר' איז א 'ענין אחר לגמרי', א ענין אחר לגמרי![ה]

עס דאכט זיך ס'איז גאר איינס, ניין! ס'איז גאר עפעס אנדערש! ביי אים איז דער אנהויב מיטן סוף 'צוזאמען', און ביי אים אין דער 'אנהויב' - ערשט 'שפעטער' וועט ער אינזינען האבן דער 'סוף'! דער רבי זאגט 'בלי הבדל' - אן קיין שום הבדל!

❖

---

[ד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ה אות ג': ... וַעֲבוֹדַת חִיצוֹנִיּוּת הַיְנוּ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל הָאָדָם הָעוֹמֵד בַּמַּדְרֵגָה הָעֶלְיוֹנָה, הִיא מְאִירָה וּמְשֻׁבַּחַת יוֹתֵר מֵעֲבוֹדוֹת פְּנִימִיּוּת הַיְנוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה שֶׁל הָאָדָם הָעוֹמֵד בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה...

[ה] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז, ושיחות הר"ן אות י"ד.

# מי יתן והיה לנו מנהיג...

(המשך בחיי מוהר"ן שם:) "כִּי זֹאת הַתּוֹרָה 'לְכוּ חֲזוּ' הַנַּ"ל, לֹא זָכִיתִי לַהֲבִינָהּ הֵיטֵב בְּשָׁעָה שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ, וְגַם כְּשֶׁרָאָה הַתּוֹרָה בִּכְתָב אָמַר שֶׁבְּזֹאת הַתּוֹרָה לֹא כִּוַּנְתִּי לְדַעְתּוֹ, וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: 'לֹא כָּךְ אָמַרְתִּי, וְגַם אֲפִלּוּ לֹא כָּךְ הָיְתָה כַּוָּנָתִי'. **וְאֶפְשָׁר הָיְתָה כַּוָּנָתוֹ עִנְיָן הַנַּ"ל**, וְזֶה לֹא בֵּאַרְתִּי שָׁם בִּכְתָב, עַל־כֵּן אָמַר שֶׁלֹּא כִּוַּנְתִּי לְדַעְתּוֹ, וַה' יוֹדֵעַ נִסְתָּרוֹת".

אין דער תורה טאקע 'לכו חזו' (תו' ל"ט), זאגט דער רבי דארט צום סוף: "**כולנו אין פנינו יפות**", "דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו דעם מנהיג" - אין סימן ל"ט.

צום סוף פירט דער רבי אוים: "**וראוי לנו לומר זאת בבכיה, בדמעות שליש, לבכות ולהתגעגע, לבקש ולהתחנן לפניו יתברך, מתי נזכה לזה, שיהיה לנו זה הדעת שנוכל לדעת ולהכיר הבורא יתברך מכל דבר של זה העולם**" - אז דער תכלית איז פון אנהויב ביזן סוף, קען מען דערקענען דעם אויבערשטן 'מכל דבר של זה העולם', **בפרטי פרטיות כנ"ל, עד התכלית כנ"ל. וכפי המדריגה פחותה שלנו עתה, וכולנו אינן פנינו יפות כלל, אנו צריכין שירחם עלינו השי"ת, ליתן לנו מנהיג רועה נאמן, שיוכל להאיר בנו ידיעה הנ"ל, כדי שנוכל לעבדו יתברך כראוי, ולבא אל התכלית כנ"ל.**

וואס מיינט דער רבי דא: "השי"ת זאל רחמנות האבן ער זאל אונז געבן א מנהיג א רועה נאמן"? דער מנהיג איז דאך דא!? נאר - ער זאל 'נתגלה' ווערן דער מנהיג, מען זאל וויסן פון אים! דער אויבערשטער זאל אונז געבן אז 'מיר' זאלן האבן דעם מנהיג!![1]

❖

[1] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' אות ו': ... וְאִם כְּבָר נִדְמֶה לוֹ שֶׁמָּצָא אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, בְּוַדַּאי זֶה צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא יוֹשֵׁב אֵצֶל הַצַּדִּיק, וַעֲדַיִן אוֹרוֹ חָשׁוּךְ אֶצְלוֹ, וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ נְעִימוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וְכוּ', וּמֵחֲמַת זֶה הוּא רָחוֹק עֲדַיִן מִתִּקּוּנוֹ, וּכְמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה וַיְהִי הֵם מְרִיקִים בְּסִימָן י"ז מִזֶּה, עַיֵּן שָׁם.

צום סוף פירט דער רבי ווייטער אויס: "ומי יתן והיה לנו מנהיג כמו משה רבינו עליו השלום".

**אזעלכע לשונות וואס דער רבי רעדט דא אין דער תורה, ס'איז א גערואלד!**

דער לשון טאקע פון דער תורה איז א געוואלדיגע גרויסקייט, אז דער 'אנהויב' מיט'ן 'סוף' איז איינס קען מען דערקענען דעם אויבערשטן פון יעדע זאך 'בפרטי פרטיות', 'ומי יתן לנו' אז מיר זאלן האבן דעם מנהיג, ער זאל אונז קענען אריינשיינען די זאך, אז מען זאל קענען דערקענען דעם אויבערשטן פון יעדע זאך בפרטי פרטיות!

**נישט אומזיסט האט רבי נתן אזוי געוואלדעוועט מיטן רעדן פונעם רבי'ן!! ער האט דערפילט דעם רבי'ן! אז דאס איז 'דער רבי' - וואס 'דורך אים' קען מען זוכה זיין דערצו![ז]**

ער האט גערעדט מיט זיינע מענטשן אזעלכע דיבורים, האבן זיי טאקע באקומען א השתוקקות צום אויבערשטן, א געוואלד! זיי האבן 'דערפילט' די ווערטער, וואס עס 'דארף זיין'! זיי זענען טאקע ארומגעגאנגען מיט א געוואלדיגע השתוקקות צום אויבערשטן, ארומגעגאנגען מיט א 'ברומונג'![ח]

---

[ז] עי' ביאור הליקוטים סי' רפ"ב אות א': ...אבל באמת נראה מבואר מדברי מוהרנ"ת ז"ל בחלק א', ומשאר דבריו הקדושים שבענין זה בכתב ובעל פה, כי בכל זאת גבהה דעתו ודרכו נסתרה גם בזה, וכן בכל תורותיו הקדושים, ושיש בזה ענינים נפלאים ונעלמים בתכלית ההעלם, **עד שאין מי שידע איך להתנהג ולהשתדל בענין הזה כי אם מי שגילה זאת בעצמו**, שהוא היה המשה משיח האמיתי... (עי' כעי"ז בימי מוהרנ"ת אות ס"ו בענין המעשה של ז' בעטלערם). ועי' כוכבי אור - חכמה ובינה, אות כ"א: ...וְגַם שְׁאָר דִּבְרֵי הַשֶּׁבַח הַזֶּה, כֻּלָּם יְבֹאֲרוּ עַל־זֶה לַמַּשְׂכִּיל, בְּצֵרוּף שְׁאָר הַקְדָּמוֹת, וְכַמּוּבָא בְּלִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר הֲלָכָה ד' עַיֵּן שָׁם. וְהַמְעַיֵּן יָבִין מֵאֵלָיו, שֶׁמַּה שֶּׁלֹּא יַזְכִּירֶנּוּ שָׁם [בלקו"ה] (וְכֵן בִּשְׁאָר מְקוֹמוֹת בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים) כִּי אִם בְּדֶרֶךְ כְּלָל בְּשֵׁם 'צַדִּיק', הוּא מִפְּנֵי דַּרְכֵי שָׁלוֹם, וּכְבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר. וְגַם כִּי אָמְנָם שֶׁגַּם זֶה אֱמֶת, כִּי כָל צַדִּיק הַדּוֹר יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, כַּמּוּבָא בִּדְבָרָיו זַ"ל, **אֲבָל בְּוַדַּאי הָעִקָּר הוּא "הֶ"עָלִית עַל כֻּלָּנָה", שֶׁהוּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ בְּעַצְמוֹ**, כַּנִּשְׁמַע כַּמָּה פְּעָמִים מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ. וְכַאֲשֶׁר גַּם זֹאת מְבֹאָר בְּדִבְרֵי הַשֶּׁבַח הַזֶּה, כִּי "קָמוּ בָ'נֶ'י'הָ'" רָאשֵׁי תֵּבוֹת בֶּ'ן נַ'פְתָּלִי הִ'ירְץ, וְגַם נַ'פְתָּלִי הִ'ירְץ בֶּ'ן יְ'הוּדָא (וְכַנּוֹדָע מַאֲמָרוֹ הַקָּדוֹשׁ, שֶׁהֵעִיד עֲלֵיהֶם רַבֵּנוּ זַ"ל בְּעַצְמוֹ "**וויסֶען פִּין מִיר וֵויסְט נָתָן נַפְתָּלִי אַבִּיסֶעל**"): "וַיְאַשְּׁרוּהָ", וְיֹאמְרוּ, "רַבּוֹת בָּנוֹת עָשׂוּ חָיִל וְאַתְּ עָלִית עַל כֻּלָּנָה"... (ועיי"ש בהקדמה על מאמר חכמה ובינה, בענין מש"כ בליקו"מ תניינא תו' כ"ח "דע שיש חילוקים בין התורות" וכו').

[ח] עפ"י השיחה המובאת כמ"פ, עי' קונטרס טעם זקנים ב' - עשרה בטבת ה'תש"מ, וקונטרס מ"ו - כי תצא ה'תשל"ד: דער רבי האט געזאגט; **"נישט דאס האב איך געמיינט, איך האב געמיינט אז איר זאלט ארום**

א געוואלד, א געוואלד, וואס דאס איז! אזוי 'דארף זיין', ס'זאל דער 'אנהויב' מיטן 'סוף' זיין איינס, א 'אנהויב' אָן א 'סוף' איז גארנישט, עס מוז זיין דער אנהויב מיטן סוף 'באחדות', 'בלי הבדל'!

❖ ❖ ❖

# "דו האסט מיר געמאכט פאר א איד"

(חיי מוהר"ן סימן ע"ז:) **שייך ל'א"ב החדש' שחיבר בימי ילדותו וכו'.**

מיר לערנען ווינציג דעם ספר ה'אלף-בית' - דעם 'ספר המדות'! דער רבי האט דאך א זאג געגעבן: **"דו הארציגער ברודער, דו האסט מיך געמאכט פאר א איד!".**[ט]

רבי נפתלי האט געהאלטן דעם 'כתב יד' ווייזט אויס, האט ער אנגעוויזן "דו האסט מיך געמאכט - הארציגע ברודער" (וכו' כנ"ל).

דער רבי האט געוואלט אז מען זאל עס דרוקן אין א קליינעם (פורמאט), כדי מען זאל ער קענען האלטן ביי זיך, מען זאל קענען לערנען דערפון![י]

אונזערע לייט פלעגן זיין אזוי קלאר אין 'ספר המידות', ממש 'בעל פה' האט מען געדענקט יעדער זאך! ווייל מען האט דאס געלערנט יעדן טאג, ס'איז געווען נאכ'ן דאווענען - שוין געלערנט ספר המידות!

---

גיין, אזוי ווי די חיות גייען ארום, און ברומען אין וואלד צום אויבערשטן גאנצע נעכט, גאנצע טעג"! און ר' נתן האט יא געהאט די מענטשן! אבער אלץ בכח פון דעם רבי'ן איז דאס געווען! ... (עיי"ש ביאור הענין).

[ט] עי' חיי מוהר"ן אות שע"ט: פַּעַם אַחַת הָיָה סֵפֶר הָאָלֶף־בֵּית (סֵפֶר הַמִּדּוֹת) בִּכְתָב אֵצֶל חֲבֵרֵנוּ רַבִּי נַפְתָּלִי, וְרַבִּי נַפְתָּלִי יָשַׁב עִמּוֹ עַל הָעֲגָלָה כִּי הָיָה מְלַוֶּה אוֹתוֹ כְּשֶׁנָּסַע לְנָאווְרִיטְשׁ. עָנָה וְאָמַר עַל סֵפֶר הָאָלֶף־בֵּית שֶׁרָאָהוּ בְּיַד רַבִּי נַפְתָּלִי הַנַּ"ל: "מַיין לִיבֶּער הַרְצִיקֶער חָבֵר מַיין לִיבֶּער גִיטְרַייעֶר חָבֵר. הָאט דָאס הָאט מִיךְ גִימַאכְט פַּאר אַיין יְהוּד". [אֲהוּבִי וְרֵעִי הַמָּסוּר זֶה עָשָׂה אוֹתִי לִיהוּדִי] הַיְנוּ שֶׁעַל־יְדֵי אֵלּוּ הַדְּבָרִים הַנֶּאֱמָרִים בְּסֵפֶר הָאָלֶף־בֵּית עַל כָּל מִדָּה וּמִדָּה, עַל־יְדֵי־זֶה הִתְגַּבֵּר לְשַׁבֵּר כָּל מִדָּה וּמִדָּה עַד שֶׁזָּכָה לְמַה שֶּׁזָּכָה.

[י] עי' הקדמת ספר המדות: עָלֵינוּ לְהוֹדִיעַ לְגַלּוֹת אָזְנֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, אֲשֶׁר כְּבוֹד רַבֵּנוּ אוֹר הַנֶּעְלָם זצוק"ל הִזְהִיר מְאֹד לַעֲסֹק בְּזֶה הַסֵּפֶר "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" וְשֶׁלֹּא יָמוּשׁ מִפִּינוּ, כִּי הוּא חַיֵּינוּ, וּכְתָבוֹ רַבֵּנוּ בְּעַצְמוֹ בִּכְּרֶךְ קָטָן מְאֹד, וְאָמַר, שֶׁכַּוָּנָתוֹ כְּדֵי שֶׁיּוּכַל כָּל אֶחָד לְשָׂאתוֹ אֶצְלוֹ תָּמִיד, כִּי הַמִּדּוֹת הֵן יְסוֹד כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, וּבָזֶה יְזַכֶּה נַעַר אֶת אָרְחוֹ לִשְׁמֹר כְּכָל הַכָּתוּב בְּזֶה הַסֵּפֶר, אָז יַצְלִיחַ אֶת דְּרָכָיו וְאָז יַשְׂכִּיל.

דאס איז דאך פון די דריי ספרים - דעם רבי'נס ספרים, 'לקוטי מוהר"ן', 'ספורי מעשיות', און 'ספר המידות'!

"הארציגער ברודער, דו האסט מיך געמאכט פאר א איד"!

ס'איז נישט אזוי שווער אויך! על-פי-רוב איז עס 'מאמרי חז"ל', אבער אזוי גייט עס, אז ס'גייט ארויס פון רבי'נס מויל, דארף מען עס לערנען![יא]

מען לערנט נישט, מען לערנט נישט קיין ספר המידות!

❖

# קבעת עתים לתורה?!

מען דארף האבן 'שיעורים קבועים' יעדן טאג, דארף מען האבן 'שיעורים קבועים' אין רבי'נס ספרים אויך!

דאס ערשטע איז דאך דעם רבי'נס ספרים! 'לקוטי מוהר"ן', 'ספורי מעשיות', און 'ספר המידות' - דאס איז דאך דעם רבי'נס ספרים, נאכדעם רבי נתן'ס ספרים 'לקוטי הלכות', 'ליקוטי תפילות'.

איך האב עס געזעהן, מענטשן וואס זענען געווען גאר קליינע לומדים, און זיי זענען געווען קלאר ממש בעל-פה, אזוי ווי 'אשרי יושבי ביתך' זענען זיי געווען קלאר אין ספר המידות! אלע טאג געלערנט א בלעטל אין ספר המידות, נישט קיין סאך - 'א בלעטל'! און געהאט 'א פאק מיט שיעורים', 'שיעורים קבועים'!

מען האט געהאט שיעורים קבועים - די 'בעלי בתים', מען רעדט נישט פון די 'עובדים' - די 'בעלי בתים' האבן געהאט שיעורים קבועים: משניות, שולחן ערוך, א שטיקל גמרא, עין יעקב, תנ"ך, חומש מיט רש"י, אלע טאג געלערנט א פרשה חומש מיט א פרשה רש"י, רבי נתן'ס ספרים, דעם רבי'נס ספרים: לקוטי מוהר"ן, לקוטי הלכות, ספר המידות, תפילות, דאס, 'א גאנצע פאק מיט ספרים'!

---

[יא] עי' הקדמת ספר המדות.

מ'איז נישט אוועקגעגאנגען פון שול ביז מען האט געענדיגט אלע שיעורים, 'שיעורים קבועים'![יב]

(השואל: ר' אפרים ב"ר נפתלי?) מיר רעדן נישט פון ר' אפרים ב"ר נפתלי, ר' אפרים ר' נפתלי'ס איז געווען אן 'עובד השם', ער האט געדינט דעם אויבערשטן פון 'צוועלף' ביז 'צוועלף'! פון אים רעדן מיר נישט, מיר רעדן פון 'פראסטע בעלי בתים'! (- אנשים כשרים פשוטים).

'פראסטע בעלי בתים' וואס זענען געווען ממש ווייט פון לומדות, גאר ווייט פון לומדות, 'בעלי בתים', געהאט שיינע קלייטן, געטוהן אין מסחר, אבער 'שיעורים קבועים', אָן דעם האט מען זיך נישט גערירט!

ס'איז אזעלכע געווען וואס פלעגן זיין אין שול אזוי לאנג ביז זיי האבן נישט געענדיגט די 'שיעורים קבועים', זיי זענען געווען 'סוחרים', פלעגט קומען די ווייב, געקומען אין שול, אריינגעבן אין קאפ אריין, זיי האבן געגעבן ברכות... "דארט שטייען מענטשן און ווארטן, און דו זיצט זיך דא?!", "רעדט צו דער וואנט! איך האב נאך נישט געענדיגט די 'שיעורים' - קען איך נישט אוועקגיין פון דער שול!".

'בעלי בתים', 'פראסטע בעלי בתים'!

❖

אויפ'ן 'ציון' זענען זיי געגאנגען פאר'ן דאווענען, זומער נאך פארטאג, און ווינטער ביינאכט.

(השואל: ר' חיים שבתי'ס?) יא, די 'בעלי בתים', כמעט יעדער איינער איז געגאנגען אלע טאג צום רבי'ן אויפ'ן ציון, יעדער איינער איז געגאנגען צום רבי'ן אויפן ציון אלע טאג, אזוי ווי תפילין לייגן![יג]

---

[יב] עי' שיחות הר"ן אות י"ט: וְאָמַר נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר... ועיי"ש אות קל"ז.

[יג] עי' חיי מוהר"ן אות קס"ב: וְדִבֵּר הַרְבֵּה מֵעִנְיַן קִבְרוֹ, וְגִלָּה דַּעְתּוֹ כַּמָּה פְּעָמִים בְּכַמָּה מִינֵי לְשׁוֹנוֹת שֶׁיָּבוֹאוּ עַל קִבְרוֹ תָּמִיד לוֹמַר תְּהִלִּים עַל קִבְרוֹ וְלִלְמֹד שָׁם וּלְהַרְבּוֹת שָׁם בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים...

למשל ווינטער, דער טאג איז דאך קליין, איז מען געגאנגען פארטאג אויפן ציון! זומער - נישט אלע האבן געדאווענט ותיקין, איז ער געלאפן פאר'ן דאווענען, ותיקין הויבט זיך שוין אן דריי אזייגער, (הנץ החמה בעיר אומן באמצע קיץ הוא בשעה 4.00), און דער אנדערער מנין האט זיך אנגעהויבן זעקס, ווארום זיבן איז שוין 'זמן קריאת שמע', איז מען געלאפן אויפ'ן ציון שוין פאר'ן דאווענען, פריער נאך!

❖

# אם חומה היא...

שיעורים קבועים! שיעורים קבועים! - יעדע זאך וואס דער מענטש איז אן 'עקשן' אין דער זאך, האט עס אן אנדערע פעולה די זאך, די זאך איז אנדערש פועל אויף אים! ער נעמט זיך אן א זאך זאל ער זיין אן 'עקשן' אין דער זאך!

מאך זיך א סדר ווערליג דיין 'ערך', רעכן אוים דעם סדר ווערליג ס'זאל קענען זיין פאר דיר! אבער מאך זיך א סדר עס זאל זיין מיט א 'עקשנות'!

רבי נתן רעדט אין א הלכה אזוי,[יד] "אם חומה היא - אם דלת הHא", וואס איז א 'חומה' און וואס איז א 'דלת'? א 'חומה' - א מויער, נישט אז עס מאכט זיך צו און עס מאכט זיך אויף, נאר 'פארבויעט'! א 'דלת' איז שוין (נועל ופותח) - -

'אם חומה היא' - אויב דו וועסט זיין שטארק אזוי ווי 'חומה', קען מען בויען דארטן 'טירת כסף'! טאמער 'אם דלת' - נאר אזוי ווי א 'טיר' - -

ס'איז א גמרא דארטן,[טו] רבי נתן רעדט אין א הלכה זייער שארף, "אם חומה היא - אם דלת היא", אז דו ביסט שטארק אזוי ווי א 'חומה' אין דער זאך, קענסטו בויען דארטן גאנצע געשעפטן, אבער אז ס'איז נאר א 'דלת' - -

---

[יד] עי' גם בספר שם עולם (לבעל החפץ חיים) חלק ב' פרק א': וזהו שאמר הכתוב **אם חומה היא**, דהיינו שחזקה היא באמונת ה' ועבודתו כחומה אשר לא תעתק מקומה על ידי שום סיבה, נבנה עליה טירת כסף, היינו שנבנה עליה עיר הקודש ובית הבחירה שהוא קיים לנצח. **ואם דלת היא**, שסובבת בצירה לכאן ולכאן, דהיינו שאינם חזקים בעבודת ה' בתמידות, אלא פעם כך ופעם כך, נצור עליה לוח ארז, היינו שנשים בדלתה נסרים של עץ הנרקבים, וכן פירש"י שם.

[טו] עי' יומא דף ט' ע"ב.

אז מען האט עפעס א זאך - ווערליג דיינע כוחות רעכן דיך אויס, ס'זאל נישט זיין אזוי שטארק, אבער ס'זאל זיין א 'חומה', דאס איז א 'חומה' - דאס ווערט נישט גערירט פונעם ארט! 'שיעורים קבועים'!!

אז דער רבי רעדט זייער פון דעם ענין פון 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים', דארף מען דאס אויך האבן - 'שיעורים קבועים'! דאס איז דאך די פעולות וואס גייט ארויס דערפון - אז מען דארף האבן 'שיעורים קבועים', אלע טאג האבן 'שיעורים קבועים'!

אז מען האט 'שיעורים קבועים' איז א געוואלד, א געוואלד![טז]

❖

# זיך 'געזעגנט' מיט'ן טאג...

ר' אברהם סופר (שטערנהארץ ז"ל) האט דערציילט פון זיין שווער "ר' יוסף יונה", ער איז געווען דער אינגסטער זון פון ר' נתן'ען, ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, ער איז געווען א געוואלדיגער תמים, דאס 'תמימות' פון ר' נתן'ען האט מען געזעהן אויף אים - אויף דעם ר' יוסף יונה!

און ביי אים איז געווען "לא פסיק פומיה מגרסא", כמעט קיין רגע נישט געזעצן ליידיג! געענדיגט 'דעם' ספר, אנגעהויבן 'דעם' ספר! ר' יוסף יונה איז אזוי ווי א גלאק, ער רירט זיך נישט פונעם ארט!

ער פלעגט קומען פארנאכט, פארנאכט אזוי בין השמשות, ער פלעגט זיך 'געזעגענען מיטן טאג'![יז] מען האט שוין געוואוסט, 'רבי יוסף יונה געזעגענט זיך שוין מיטן טאג' (היה מתאנח ואומר): **"מיט וואס איז אוועקגעגאנגען דער טאג? מיט**

---

[טז] עי' ליקוטי הלכות הל' דברים הנוהגים בסעודה ד' אות כ"ב: אַךְ בֶּאֱמֶת עִקַּר הַמִּלְחָמָה כְּנֶגֶד הַיֵּצֶר הָרָע הוּא רַק עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ אִם אֶבֶן הוּא נִמּוֹחַ וְכוּ' ... וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ ז"ל שֶׁאָמַר "נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב לְכָל אֶחָד בְּכָל יוֹם לִלְמֹד כָּךְ וְכָךְ כְּפִי עֶרְכּוֹ" וְכוּ' ... וְכַוָּנָתוֹ הָיְתָה שֶׁאֲפִלּוּ מִי שֶׁנִּלְכַּד בַּעֲבֵרוֹת ח"ו וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לָצֵאת מִשָּׁם, **אִם אַף-עַל-פִּי-כֵן הָיָה קוֹבֵעַ לוֹ שִׁעוּרִים קְבוּעִים לְתוֹרָה בְּכָל יוֹם וָיוֹם, הָיָה כֹּחַ הַתּוֹרָה מִתְגַּבֵּר, עַד** שֶׁגַּם הוּא הָיָה נִתְתַּקֵּן וְיוֹצֵא מֵהֶם סוֹף כָּל סוֹף ...

[יז] עפ"י סיפורי מעשיות - מעשה י"ג ז' בעטלערס, יום ג' ענין 'הלב והמעין'. ועי' עלים לתרופה מכתב קי"ז בסופו.

**וואס איז אוועקגעגאנגען דער טאג? וואס האב איך אריינגעגעבן אין דעם טאג?".**

**ער האט זיך געזעגנט מיט דעם טאג! א מענטש וואס האט אפגעהיט דעם זמן, דעם רגע!**

**ר' אברהם** (שטערנהארץ) **פלעגט דערציילן, ער האט געענדיגט די ארבעה שלחן ערוך'ס - האט ער 'שוין אנגעהויבן', ער האט 'געענדיגט' - 'אנגעהויבן'! ער האט געענדיגט - אנגעהויבן!**[יח]

❖

# הולך בדרך תמים הוא ישרתני

**דאס איז געווען ביי ר' נתן'ען!** (- אצל אנשיו)**, דאס הייסט: נישט דער 'למדן', אבער דער תמימות'דיגער!!**[יט]

**וואס הייסט 'תמימות'? "דאס איז עס"! 'תמימות' הייסט - "איך וויים נישט קיין שום חכמות! א דאס איז עס!", 'כי הוא זה'!**[כ]

**נישט מאכן קיין 'דריי', וויל איך נאר מאכן א 'דריי', אראפנעמען דא און צולייגן דארטן - דאס איז שוין נישט קיין 'תמימות'!**

**געמאכט א 'לאטע' דא, א 'לאטע' דארטן - דאס איז שוין נישט קיין 'תמימות'!**[כא]

---

[יח] עי' שיחות הר"ן אות ע"ו.

[יט] עי' שיחות הר"ן אות ק"א: **כְּבָר מְבֹאָר כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁאֵין צְרִיכִין שׁוּם חָכְמוֹת בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, רַק תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶאֱמוּנָה.** ועי' ליקו"מ תו' י"ט תניינא: **אֲבָל בֶּאֱמֶת עִקַּר הַשָּׂגַת הַתַּכְלִית הוּא רַק עַל־יְדֵי תְּמִימוּת דַּיְקָא, דְּהַיְנוּ יִרְאַת־הַשֵּׁם וּמִצְווֹת מַעֲשִׂיּוֹת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר.**

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ג: הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה ... וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת, וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל, בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר. וְכָל זְמַן שֶׁנִּשְׁאָר אֶצְלוֹ שׁוּם שֵׂכֶל עַצְמוֹ, אֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְאֵינוֹ מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק ... וְהָעִקָּר הָעֲבוֹדָה, לִהְיוֹת תָּם וְיָשָׁר יְרֵא אֱלֹקִים וְסָר מֵרַע, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת...

[כא] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות מ"ז: **וְזֶה יָדוּעַ שֶׁסְּגֻלַּת כָּל מִצְוָה וְהַנְהָגָה שֶׁל הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת הִיא דַּוְקָא כְּפִי הַפְּרָטִים שֶׁנִּצְטַוּוּ מִזֶּה בְּכָל דָּבָר. כִּי כְּמוֹ שֶׁבְּגַשְׁמִיּוּת אִי אֶפְשָׁר שֶׁתֵּצֵא אֶל הַפֹּעַל מֵהַרְכָּבַת הַסַּמִּים כֹּחַ**

עס קען זיין אמאל א מענטש זאל נישט האבן דעם 'שיעור', ער זאל לערנען היינט 'דריי מאל אזוי פיל', אבער עס האט נישט די חשיבות!

אז מען וועט דעם מענטשן פרעגן לעתיד, מען וועט אים פרעגן א דין וחשבון: "קבעת עתים לתורה?", דאכט זיך מיר 'תוספות'[כב] דארט זאגט: פארוואס וועט מען נישט פרעגן 'למדת תורה'?, פארוואס וועט מען פרעגן עפעס 'קבעת' עתים לתורה? ניין! א באזונדערע שאלה - "פארוואס האסטו נישט געהאט קיין 'קביעות'?! פארוואס האסטו נישט געהאט קיין 'קביעות'? אויף 'עסן' האסטו געהאט א קביעות, אויף 'שלאפן' האסטו א קביעות, פארוואס האסטו נישט קיין קביעות אויף די תורה?!".

נאך א מעלה: די 'קביעות' ברענגט אסאך! א חוץ דארטן וואס די 'קביעות אליין' איז דאך א גוטע זאך, ברענגט עס צו אסאך גוטע זאכן! די קביעות וואס מען האט, דאס האט אין זיך אזא מין כח אז עס ראטעוועט אסאך!

א דאס איז עס! איך קען זיך נישט רירן! איך האב א קביעות, איך קען נישט, ס'גייט נישט, דאס איז מיין קביעות! עס ראטעוועט!

❖

# תורתו קבע ומלאכתו עראי

דאס איז אלץ גערעדט געווארן - רעדן מיר פון 'סוחרים'. עס ווערט געבראכט טאקע, 'הקובע עתים לתורה' - איז ער 'מפר תורה', ער מאכט חרוב די וועלט! - דער של"ה הקדוש ברענגט דעם מאמר חז"ל.[כג]

זאגט ער (השלה"ק), 'קבעת עתים לתורה' פרעגט מען א 'בעל הבית'! אים וועט מען פרעגן 'קבעת עתים לתורה', א 'בעל הבית' איז דאך נישט מופרש אינגאנצן אויף תורה, דארף ער האבן א קביעות, אין 'די צייט', אין 'די צייט'!

---

הָרְפוּאָה לְהַמַּחֲלָה כִּי־אִם אִם עָשׂוּ מְכֻוָּן מַמָּשׁ בְּכָל הַפְּרָטִים שֶׁיָּצְאוּ מִפִּי הָרוֹפֵא (אִם הָיָה בְּנִמְצָא הָרוֹפֵא הָאֲמִתִּי), כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ בָּחֳלִי הַנֶּפֶשׁ...

[כב] עי' תוספות מס' סנהדרין דף ז' ע"ב ד"ה "אלא על דברי תורה".

[כג] שלה"ק מסכת שבועות נר מצוה אות כ"א, מביאו בשם מדרש שמואל רפ"א.

אבער דער וואס איז נישט קיין 'בעל הבית', אים וועט מען פרעגן 'קבעת' אויף עסן... ביי אים איז 'נאר תורה'!

דער וואס איז זיך קובע 'עתים' לתורה איז ער מפר תורה! 'דערנאך' וואס טוהסטו? ער איז קובע 'עתים' לתורה, און 'דערנאך'?! ער האט א 'קביעות' אויף 'תורה', און דערנאך קען ער שוין זיצן און בַטל'ענען?! איז דאך ממש מפר תורה!

זאגט ער (השלה"ק), דאס מיינט מען נאר דעם וואס איז א פארנומענער מענטש, א 'סוחר', האט ער אסאך 'צייטן', 'אינדערפרי' אביסל, 'דורכן טאג' אביסל, 'אויפדערנאכט' אביסל, 'פארטאג' אביסל, אים זאגט מען: 'קבעת עתים'!

אבער דער וואס איז טאקע מופרש אויף תורה, מיר זענען דאך מופרש אויף תורה, מיר זענען דאך נישט קיין סוחרים, ביי אונז איז דאך נאר תורה, אונז וועט מען פרעגן 'קבעת עתים'? אונז וועט מען פרעגן צו דו האסט 'מבטל געווען', דו האסט גע'בטל'ט?! "ואי אתה בן חורין לבטל ממנה"! דו האסט גע'בטל'ט? א גוואלד, א געוואלד!

❖

# שמירת הזמן

רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט: "**די וועלט וועט זיך פארוואונדערן, פון וואו האב איך גענומען אזוי פיל צייט?!**" - רבי נתן האט זייער אסאך געשריבן, געשריבן אזוי פיל, וויפיל מיר האבן 'לקוטי הלכות'ער' איז געלעגן 'זעקס מאל אזוי פיל' געווען, געוואלד, דער בוידעם איז געווען פול! א מענטש - ווי קען אזוי פיל שרייבן?!

רבי נתן האט אסאך גערעדט מיט מענטשן! ביים רבי'ן איז געווען - רוב היום איז דער רבי געווען סגור ומסוגר, ס'איז געווען דארטן א צייט אין טאג - נישט קיין סאך - וואס ער האט גערעדט מיט מענטשן, אבער רוב היום געווען 'סגור ומסוגר', רבי נתן האט יא גערעדט!

ר' נתן - אז ס'איז געקומען מענטשן האט ער גערעדט, רבי נתן האט נישט געקוקט צו ס'איז יא דא צייט - נישט דא צייט, ער האט גערעדט!

און ר' נתן איז געווען א געוואלדיגער עובד, די מחשבה איז געלעגן אין די עבודת השם! "און ווי האט ער גענומען אזוי פיל צייט" - וועט די וועלט זיך וואונדערן!

האט ער דעמאלט געזאגט, אז "די וועלט זאגט אויפ'ן ש"ך, **אז ער האט געהאט השבעת הקולמוס**", - ער האט באשוואוירן די פען און די פען האט געשריבן. "**איך האב נישט געהאט קיין השבעת הקולמוס, נאר איך האב געהיט די צייט!**", און אז מען היט די צייט איז דא צייט אויף אלעם!

אז מען היט די צייט, איז אויף אלעם דא צייט! זעה זיך נישט אפנארן, היט דיך דער צייט![כד]

❖

עס שטייט אין 'ימי מוהרנ"ת' דאכט זיך, ביי ר' נתן'ען איז איינער געווען דארטן אין בית המדרש, האט מען געזאגט אויף אים 'ער איז א מתמיד', האב איך (מוהרנ"ת) געזעהן אז ער איז גארנישט קיין מתמיד, ביז איך האב אים אריינגעבראכט אז ער איז טאקע געווארן א 'מתמיד'![כה]

וואס איז א מתמיד? א מתמיד הייסט אז ער זיצט נישט ליידיג, ער בטל'ט נישט!

איך האב נישט קיין צייט צו בטל'ען! דאס האב איך נישט קיין רשות, וואס דו ווילסט קענסטו טוהן, "ואי אתה בן חורין ליבטל", רעדט מען פון א מענטש - ער מעג זיין א 'עובד השם', אלעס! זיצט ער ליידיג? ביסטו שוין "ואי אתה בן חורין", 'זיצן ליידיג' האסטו קיין צייט נישט! דאס איז קיין שום תירוץ נישט!

ממילא דארף מען גוט זעהן 'היטן דער צייט', "שמירת הזמן" וואס איז היינט געווארן אין די ישיבות - 'שמירת הזמן', 'שמירת הזמן', און מען רעכענט אפ, גאנצע מעשה'עס טוט זיך מיט 'שמירת הזמן', לעתיד וועט אויך זיין שאלות פון 'שמירת הזמן': "האסט געהיט דער צייט?!!".

❖

---

[כד] בענין זריזותו הנפלאה בשמירת זמנו של מוהרנ"ת ז"ל, עי' הקדמת עלים לתרופה.

[כה] עי' ימי מוהרנ"ת אות פ"ג.

# א זריז אין 'שלאפן'...

און א חוץ דעם, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען היט דער צייט, גיבט דער אויבערשטער א ברכה אויך! שענקט ער א ברכה אין דער צייט אויך!

דאס זעהט מען אויך 'בחוש', אז די מענטשן וואס היטן טאקע די צייט, גיבט מען זיי א 'ברכה', אזוי ווי עס שטייט דארטן "אוכל קמעא ומתברך במעיו",[כו] דער אויבערשטער קען געבן!

רבי נתן האט געזאגט אויף זיך: **"איך בין א 'זריז' - בין איך א זריז אין שלאפן אויך!"...**

מען גיבט יענעם א ברכה, אז ער שלאפט - שלאפט ער 'אביסל' און דער מח איז אויסגערוהט! מען שענקט אים פון אויבן, מען שענקט אים מתנות! נאר ווען שענקט מען מתנות? אז דער מענטש היט דער צייט, נאר ס'איז נישט מספיק, שענקט מען אים א 'מתנה'!

אבער אז ער קען גאר בטל'ענען, פארוואס זאל מען דיר געבן מתנות? אז ביי דיר איז די צייט אזוי 'ווארלוול' (פחות ערך), אז דו קענסט בטל'ענען, זאל איך דיר געבן מתנות? פארוואס זאל איך דיר שענקען א מתנה?! מען זאל גוט ארומקוקן ביי זיך - צו היט איך דער צייט!

❖

# שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה

אוודאי, א מענטש ווערט אמאל מיד פון די עבודה, טוהט ער א גרינגערע זאך, ער קוקט אריין אין א שיחה, א סיפור,[כז] אבער גלאט זיצן און בטל'ענען? ווער שמועסט 'רעדן', אזוי 'רעדן'?!

---

[כו] עי' רש"י ויקרא כ"ו ה', ד"ה "ואכלתם לחמכם לשובע".

[כז] עי' ליקוטי הלכות הל' פקדון ד' אות י': וְזֶה בְּחִינַת לֹא עָלֶיךָ הַמְּלָאכָה לִגְמֹר וְלֹא אַתָּה בֶּן חוֹרִין לְהִבָּטֵל מִמֶּנָּה ... וַאֲפִלּוּ אִם נִדְמֶה לוֹ שֶׁעֲדַיִן הוּא רָחוֹק לְגַמְרֵי, וַאֲפִלּוּ אִם הוּא בֶּאֱמֶת כָּךְ, אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ לְהַמְתִּין וּלְצַפּוֹת לִישׁוּעָתוֹ, וּלְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ כָּךְ בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל, פַּעַם בַּתּוֹרָה, פַּעַם בִּתְפִלָּה, פַּעַם

ס'איז דאך א משנה אין אבות, שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה איז עס א 'מושב לצים'![כח]

א מושב לצים פסק'נט דער רמב"ם אין אן הלכה, אז מען דארף זיך אפרוקן פון דעם 'פיר איילן', אזוי ווי רח"ל דארטן - אן 'עבודה זרה', מען דארף זיך אפרוקן פיר איילן![כט]

מען דארף גוט זיך מיישב זיין, דער רבי האט דאך אלץ געהאלטן פון 'ישוב הדעת', דאס דארף מען אויך אריינגעמען אין 'ישוב הדעת' אריין, אז מען איז זיך מיישב פאר'ן אויבערשטן, "איך היט דער צייט?", רעדן דאס פאר'ן רבונו של עולם, "איך היט דער צייט? איך היט דער צייט?".

זעהן צו נאַר איך זיך אפ?! צו איך היט די צייט - צו נישט?! וועט מען זעהן אז איך היט גארנישט די צייט! איך בַּטל גאר!

נישט קיין נפקא מינה וויפיל ער בטל'ט, אז מען בטל'ט - "ואי אתה בן חורין ליבטל ממנה"! איז נישט קיין חילוק צו איך בַּטל א 'שעה', צו איך בַּטל א 'האלבע שעה'!

❖

# שאו מרום עיניכם

אזוי ווי א מענטש - די מצוות וואס ער טוהט - דארף ער זיי 'טוהן', אזוי האט ער א ענין פון 'שמירת הזמן' - ער דארף היטן דער צייט! און דעמאלט וועט ער זעהן וואס ער וועט זוכה זיין דורך דעם!

דאס חשיבות פונעם 'זמן' קען מען דאך נישט ארויסזעהן אין דעם עולם! ווי אזוי ס'איז טייער א 'רגע', ווי אזוי ס'איז טייער א 'מינוט'!

'לעתיד' וועט מען וויסן די חשיבות פונעם 'זמן'! 'דא' דארף מען האבן 'אמונה' - 'גלויבן' אז יעדע 'רגע' איז חשוב, און מען קען זוכה זיין דערמיט!

---

בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, פַּעַם בְּשִׂיחָה עִם חֲבֵרוֹ אוֹ רַבּוֹ, פַּעַם בַּעֲשִׂיַּת אֵיזֶה מִצְוָה וּגְמִילוּת חֶסֶד, פַּעַם בְּרָצוֹן וְכִסּוּפִין וְהִשְׁתּוֹקְקוּת, שֶׁזֶּה הָעִקָּר, כַּמְבֹאָר בִּדְבָרָיו ז"ל...

[כח] פרק ג' משנה ב'.

[כט] עי' גמ' פסחים דף קי"ב ע"ב: אל תדור בשכנציב משום דליצני הוו ומשכו לך בליצנותא.

וואס קען איך אין א 'רגע'? (זאגן:) **"רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות!"**, - וויפיל דאס האט א ווערד, דאס איז דאך געוואלדיג!

**"האב אויף מיר רחמנות! האב אויף מיר רחמנות!"**, אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן![ל]

**עם שטייט דאך אין 'תיקונים',[לא] אז 'שמע' מאכט ש'או מ'רום ע'יניכם!**

'שאו מרום עיניכם', דאס איז דער עיקר 'קבלת עול', א מענטש הויבט אויף די אויגן צום אויבערשטן איז 'שמע' - 'קבלת עול מלכות שמים'!

דאס קען איך דאך טוהן יעדע רגע! און וויפיל לאזט מען אפ? וויפיל ווערט מען אן פון דעם 'קבלת עול'?!

די אלע אונזערע גרויסע מענטשן וואס מיר האבן געזעהן אין אונזערע צייטן - איז אלס דערפאר ווייל זיי האבן געהיט דער צייט! זיי האבן געהיט דער צייט! זיי האבן נישט גע'בטל'ט!

א מענטש אז ער קומט ביים דאווענען, ער דאוונט מיט כוחות, גאנץ גוט, און דערנאך? און דערנאך? און נאכדעם קענסטו שוין בטל'ענען?! און פאר דעם קענסטו שוין בטל'ענען?! ס'איז דא א 'נאכט' מיט א 'טאג', א 'נאכט' אויך! די 'נאכט' איז אויך נישט הפקר ביים אויבערשטן!

❖

עם שטייט אין זוהר הקדוש,[לב] 'אז די טעג קומען'! עם שטייט דארטן, 'ויקרבו ימי דוד', 'ויקרבו ימי ישראל' - 'די טעג קומען'!

---

[ל] עי' עלים לתרופה, מכתבי רבי נחמן טולטשינער ז"ל - א'; ... וּכְבָר אָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן קפ"ה) אֲשֶׁר כָּל מַה שֶּׁמִּצְוָה לַעֲשׂוֹת, אֲפִלּוּ דָּבָר קַל, תּוֹלֶה בָּזֶה תִּקּוּן נַפְשׁוֹתֵינוּ וְנִשְׁמוֹתֵינוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא וְכוּ' וְכוּ' עַד הַסּוֹף, כֵּן נִזְכֶּה לְקַיְּמָם, וּבִפְרָט הַדְּבָרִים הַקַּלִּים וּנְעִימִים לַעֲשׂוֹתָם, לִלְמֹד אֵיזֶה סְעִיפִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם, וְאֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וְלִשָּׂא עֵינֵינוּ וְלִבֵּנוּ בְּכָל פַּעַם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, **וַאֲפִלּוּ אִם אֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר רַק דִּבּוּרִים מֻעָטִים, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַחֵם עָלַי, גַּם זֶה יָקָר מְאֹד...**

[לא] עי' תיקון מ"ט, עפ"י הכתוב בישעי' מ' כ"ו.

[לב] עי' זוהר הקדוש ויחי דף רכ"א ע"ב.

מיינט מען נישט די 'טעג אליין', די 'טעג' מיט די 'נעכט' קומען, די 'נעכט' קומען אויכעט!

עס קומט לעתיד, קומען אלע טעג, ער גיבט א קוק 'אלע טעג איז דא', למשל אז ער האט געלעבט 'הונדערט יאר', האט ער געהאט יעדער יאר 365 טעג, געבט א קוק - מיט אמאל אזוי פיל טעג, און זיי אלע שטייען פאר אים! איז דא - 'שיינע טעג', און 'נישט קיין שיינע טעג'!

דער עיקר חשיבות פונעם 'טאג' איז 'אז איך היט אים'! וואס איך טוה דארטן, אבער איך היט אים, איך היט אים!

און ס'איז דא מיט וואס צו טוהן, ס'איז דא מיט וואס צו היטן![לג]

❖ ❖ ❖

# ער איז ביי זיך א גלאט שטיקל בלאטע...

(חוזר לחיי מוהר"ן סימן ע"ז:) "שייך לא"ב החדש שחיבר בימי ילדותו", זאגט דער רבי, "על ידי 'זריזות' בניקל להיות 'פרנס הדור' בגשמיות או ברוחניות, וסימן לדבר 'לך אל נמלה עצל' (וכו')".

איך האב געקענט מענטשן וואס האבן געקענט רבי נתן'ען! טאקע דעם "ר' דוד צבי",[לד] ער איז אלט געווען זעכצן יאר ווען רבי נתן איז נפטר געווארן, ער האט שוין געהאט א קינד דעמאלט.

איך האב געקענט נאך מענטשן וואס האבן געקענט ר' נתן'ען, אין ברסלב איז אויך געווען מענטשן וואס האבן געקענט ר' נתן'ען.

---

[לג] עי' עלים לתרופה - מכתב י"ב: ...וּכְבָר דִּבַּרְתִּי עִמְּךָ בְּאִגֶּרֶת הַקֹּדֶם שֶׁתּוֹדֶה לָאֵל יֵשׁ לְךָ כַּמָּה עִנְיָנִים לְבַלּוֹת הַיּוֹם בָּהֶם, דְּהַיְנוּ לִלְמֹד פּוֹסֵק וּגְמָרָא וּמְעַט מִקְרָא, בִּפְרָט חֻמָּשׁ עִם פֵּרוּשׁ רַשִׁ"י, וְלַעֲסֹק בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל, וּזְמַן לַתְּפִלָּה הַקְּבוּעָה, וְלַאֲמִירַת תְּהִלִּים, וְלִתְפִלּוֹת וּתְחִנּוֹת שֶׁלָּנוּ, וּלְהִתְבּוֹדְדוּת דְּהַיְנוּ שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחוֹתָיו וְעִנְיָנָיו לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם, וְגַם זְמַן עַל כְּתִיבַת הַסֵּפֶר שֶׁבְּיָדוֹ. וְגַם צְרִיכִין זְמַן עַל עֲבוֹדוֹת חִיצוֹנִיּוֹת דְּהַיְנוּ שֵׁנָה וַאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּלְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם לְפַקֵּחַ דַּעְתּוֹ, וְהַיּוֹם קָצָר וְהַמְּלָאכָה מְרֻבָּה, רַק לֹא עָלֶיךָ לִגְמֹר אֶת הַמְּלָאכָה, אֲבָל גַּם אֵין אַתָּה בֶּן חוֹרִין לְהִבָּטֵל מִמֶּנָּה...

[לד] היינו רבי דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

האבן זיי מיר אויך געזאגט: **"אזא זריזות ווי רבי נתן איז געווען איז נישט געווען בנמצא, אזוי ווי א פייל פונעם בויגן"!** דאס 'זריזות' זיינס, דאס גיכקייט.[לה]

❖

טאקע בשעת דאס ערשטע מאל ווען ר' נתן איז געקומען צום רבי'ן, דעמאלט איז געווען אין ברסלב דעם מגיד'ס איידעם "ר' יצחק",[לו] האט דער רבי אים געזאגט: "ס'איז היינט צו מיר מקורב געווארן א יונגערמאן - איז ער ביי זיך א שטיקל בלאטע!".[לז]

ווען ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן, איז ער אריינגעקומען צום רבי'ן אזוי ווי א גביר'ישער יונגערמאן, א שיין פוטער'ל, געפוצט אזוי, ער איז דאך געווען אן איידעם ביים "גרויסן ר' דוד צבי",[לח] דער טאטע איז געווען "ר' נפתלי הערץ", א גביר. איז ער אריינגעקומען אזוי שיין אנגעטון, פיין.

האט דער רבי אים געזאגט (לר' יצחק הנ"ל חתן המגיד): **"ס'איז מקורב געווארן צו מיר א יונגערמאן - איז ער ביי זיך א שטיקל בלאטע, זאג אים - וועט ער דיר קויפן פאר א קאפיקע בייגעלעך!".**

נו, ער האט נישט געוואוסט ווער ער איז, האט ער אים געזעהן גיין, האט ער דערקענט אז דאס איז דער יונגערמאן! האט ער א זאג געגעבן אזוי: "אה, איך האב געוואלט עסן, איך האב חלישת הלב!", האט ער שוין געזאגט: "נו גיבט (געלט), איך וועל אייך קויפן...!".

---

[לה] עי' פרפראות לחכמה תו' ס"ג אות ז': וּכְבָר יָדוּעַ מַה שֶּׁמְּבוֹאָר בְּסֵפֶר הַמִּדּוֹת, שֶׁעַל יְדֵי זְרִיזוּת זוֹכֶה לִהְיוֹת רוֹעֶה נֶאֱמָן, וְסִימָן לַדָּבָר לֵךְ אֶל נְמָלָה וְכוּ', וּכְתִיב מִשָּׁם רוֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל, סוֹפֵי תֵּבוֹת נְמָלָה. וְשָׁמַעְתִּי מֵאֲנָשִׁים נֶאֱמָנִים מֵאַנַ"שׁ הַזְּקֵנִים, שֶׁעִנְיָן זֶה אָמַר רַבֵּנוּ ז"ל בְּפֵירוּשׁ עַל הָרַב רַבִּי נָתָן ז"ל, שֶׁהָיָה זָרִיז גָּדוֹל מְאֹד כַּיָּדוּעַ, וּפַעַם אַחַת הִתְפָּעֵל רַבֵּנוּ ז"ל מְאֹד מִזְּרִיזוּתוֹ הַגְּדוֹלָה וְהַנִּפְלָאָה, וְאָמַר עָלָיו אָז שֶׁבְּוַדַּאי יִהְיֶה הָרַב רַבִּי נָתָן ז"ל מַנְהִיג וְרוֹעֶה יִשְׂרָאֵל, כִּי עַל יְדֵי זְרִיזוּת זוֹכִין לִהְיוֹת רוֹעֶה נֶאֱמָן כנ"ל... ועי' גם כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ט"ז.

[לו] ר' יצחק סג"ל, חתן המגיד מטירהאוויצע ז"ל.

[לז] עי' חיי מוהר"ן אות של"ח.

[לח] ה"ה הגאון המפורסם רבי דוד צבי אויערבאך זצ"ל, שהיה מכונה ע"י בני דורו "דער גרויסער ר' דוד צבי", רב ואב"ד המחוזות שאריגראד, קרעמיניץ, מאהילוב ועוד.

די זריזות זיינע איז געווען א געוואלדיגע - די זריזות פון רבי נתן, א געוואלדיגע געווען!

❖

# א שנעלע מקוה...

רבי נתן איז אמאל געקומען צום רבי'ן אויף א שבת, האט אים דער רבי געזאגט: "דער בארדיטשוב'ער רב איז איצטער ארויסגעפארן, גיי פאָר - וועסטו אים משמש זיין!", גיי וועסטו אים משמש זיין!

איז ער א שטיקל צייט געפארן מיט'ן בארדיטשוב'ער רב, ער האט אים משמש געווען.

רבי נתן האט געהאט אין זיך אזא מין זהירות, אז ער איז אריינגעקומען אין א שטאט אריין איז ער דאס ערשטע געווען אין 'מקוה', איידער ער איז אריינגעקומען אין שטאט איז ער געווען פריער אין מקוה!

אמאל פלעגט זיין טאקע - די מקוה איז געווען אונטערן שטאט, איז ער געפארן מיטן בארדיטשוב'ער רב אין א שטאט אריין, און גייט ארויף א בארג, 'ארויף א בארג' - דעמאלט פארט דאס פירל לאנגזאם, ['אראפ' לויפט עס גיך], און די מקוה איז געווען אונטערן בארג (לפני עלייתו), רבי נתן איז געגעבן א לויף אריין אין מקוה אריין גיך, און ער איז געקומען ארויף אויפ'ן בארג איידער דאס פירל איז ארויף אויפ'ן בארג! דאס איז ממש 'מינוטן', דאס איז 'מינוטן'!

ער איז דאך געפארן מיטן בארדיטשוב'ער רב, ער האט דאך געדארפט אריינקומען מיט אים אין שטאט אריין, אריינקומען אליין איז דאך נישט קיין (כבוד), איז ער אריינגעלאפן אין מקוה, און אנגעטון, און - ארויף אויפ'ן בארג איידער דאס פירל איז ארויף אויפ'ן בארג!

דער בארדיטשוב'ער רב האט דאס געזעהן, ער האט געזעהן דאס זריזות, געוואלדיג (נתפעל מאוד) - אזא זריזות!

ער האט מקבל געווען פונעם רבי'ן אזא מין זריזות, אזא מין גיכקייט!

דאס איז 'שמירת הזמן'! דער וואס האט אין זיך 'שמירת הזמן' דאס איז א געוואלדיגע זריזות, 'רגעים'! די 'רגעים' היט מען!!

❖

# תולדותיהם של צדיקים...

און דאס האט געהאט "ר' יצחק" אויך, ר' יצחק דער זון (של מוהרנ"ת) האט געהאט די זריזות אזוי ווי רבי נתן! אויך געוואלדיג געווען זיין זריזות, דאס האט ער גענומען פון רבי נתן'ען, 'דאס זריזות'!

די קינדער (של מוהרנ"ת) האבן זיך איינגעטיילט: "ר' נחמן" איז געווען דער 'עובד', די 'עבודת השם' איז געווען ר' נחמן, און דאס 'תמימות' איז געווען ביי "ר' יוסף יונה", און די ברידער - די 'לומדות' האט געהאט "ר' דוד צבי", "ר' שכנא" איז געווען דער 'מח', ער האט געהאט דעם שארפן מח פון ר' נתן'ען, ער איז געווען א שארפער מח!

❖

ס'איז א געוואלד, ביי אונז איז עס געווארן אזוי וואלוול (פחות ערך) די 'צייט', מען קען שטיין און רעדן, מען קען שטיין פלאפלען, א געוואלד!

דער עיקר 'פארמעג' - דער עיקר 'אוצר' וואס מיר האבן דא אין דער עולם, איז דער עיקר 'דער זמן'! אין דעם זמן ווערט שוין אלעס! דער עיקר איז דער 'זמן'!

דו זאלסט היטן דער צייט! דו זאלסט זיך נישט איינרעדן - טאמער דארטן איינער ער דאוונט מיט כוחות, שוין, גוט, פיין! און דערנאך?! דערנאך ווערסטו פטור? דערנאך מעגסטו שוין בטל'ענען? דער טאג איז א 'גאנצער טאג'!

און דערויף האט דער רבי געהייסן מען זאל רעדן צום אויבערשטן! דאס דארף זיין פון דעם יסוד פונעם רעדן: איך זאל היטן די צייט, איך זאל נישט בטל'ען!

❖

דער "ר' שכנא" - ר' נתן האט זיך אויסגעקוקט אויף אים, דער עלטערער זון זיינער! ר' נתן האט אויף אים אויסגעקוקט גאר עפעס אנדערש, מען זעהט ר' נתן איז אים זייער מכבד אין די בריוו.

מען זעהט דאך וואספארא זיהן ער האט געהאט דער ר' שכנא, ער האט געהאט דעם "ר' הערץ סופר" - ר' אברהם'ס פאטער, ר' נחמן חזן'ס פאטער - "ר' דוד צבי" איז געווען א זון, און "ר' נחמן" ב"ר שכנא, אויך געווען א זון!

ער האט געהאט אזעלכע זיהן 'צדיקים' דער ר' שכנא, דריי זיהן צדיקים געהאט!

❖

"עבר ושנה נעשה לו כהיתר", מיר רעדן דא פשוט מיר זאלן מקיים זיין וואס מען רעדט! מיר רעדן דא מיר זאלן זיך אזוי מרגיל זיין אין 'היטן די צייט', 'היטן די צייט'!

איך האב נישט קיין שום תירוץ אויף צו בטל'ענען! ווייל איך האב שוין געלערנט 'צוויי שעה', מעג איך שוין בטל'ענען 'פינעף מינוט'?! אין די 'פינעף מינוט' קענסטו האבן אביסל 'ישוב הדעת' דארטן, נישט אזוי א שווערינקייט, אבער בטל'ענען? דאס האסטו גארנישט קיין צייט! צו בטל'ענען האב איך נישט קיין צייט גארנישט! דאס איז דער עיקר 'עבודת השם'! דער עיקר עבודת השם - מוז מען נאר היטן דער צייט!

❖ ❖ ❖

# און אלף-בית וואס אלע אותיות שיינען...

(השואל: דעם 'ספר האלף-בית החדש' האט אויך דער רבי געמאכט בימי ילדותו?) יא אוודאי אוודאי, בימי ילדותו, יא בימי ילדותו! (השואל: און דעם ערשטן?) ס'איז אלץ געווען בימי ילדותו!

ווייזן ווייזט אוים אז דאס (ספר האלף-בית הראשון) איז געמאכט געווארן גאר נאך פאר 'מעדוועדיוועקע', נאך גאר אין דער יוגנט.

"דאס האט מיר געמאכט פאר א אידן"! (- לשון רביז"ל כנ"ל).

דאס איז נאך געווען ווייזט אוים נאך גאר - איך וויים - אלץ קינד ממש, 'בימי ילדותו'!

דער רבי איז דאך נסתלק געווארן אלס יונגערמאן, איז 'בימי ילדותו' - ווייזט אוים אז דער רבי האט דאס געמאכט ממש נאך קינדוויז, בימי ילדותו, אלס קינד פאר די חתונה, דער רבי איז אלט געווען ביי די חתונה דרייצן יאר, דאס האט ער געמאכט נאך פריער - דעם ספר אלף-בית!

❖

איצטער איז צוגעקומען א נייע זאך, מיר האבן א 'ספר המידות', מיר האבן א 'ספר המידות', מען רופט עס אן 'אלף-בית', און מען נוצט עס נישט אוים!

עס איז דא די מעשה דארטן ביים רבי'ן, "**איך וועל אייך געבן אן 'אלף-בית' וואס אלע אותיות שיינען!**", וואס אלע אותיות שיינען![לט]

דער 'ספר האלף-בית' האט שוין געמאכט אסאך 'בעלי תשובה', דער 'ספר המידות'!

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט, "הארציגער ברודער, דו האסט מיר געמאכט פאר א איד!", האט דער רבי אזוי פיל משבח געווען דעם 'ספר המידות', דעם 'אלף-בית', און מיר ווייסן גארנישט אז מיר האבן אזא - מיר האבן א 'לקוטי מוהר"ן' א 'סיפורי מעשיות' - מיר האבן א 'ספר המידות' אויך? מען ווייסט עס גארנישט!

אונזער 'פארמעגן'! ס'איז א 'פארמעג'!

חוץ פון דעם וואס דארטן ווארפט זיך דורך ש"ס מיט ירושלמי'ס מיט כתבי האר"י, א געוואלד וואס דארטן ווארפט זיך, א געוואלדיגע 'בקיאות' ווייזט דער רבי ארוים אין דעם 'ספר המידות', א געוואלדיגע בקיאות!

'לומדים' ווערן נתפעל פון די בקיאות וואס ליגט אין דעם ספר המידות, זעהט מען דאך אז דער 'רבי צדוק הכהן', ער איז געווען א וועלטס גאון, האט ער געמאכט די 'מראה מקומות' אויף דעם 'ספר המידות'!

❖ ❖ ❖

---

[לט] עי' שיח שרפי קודש [הנדמ"ח] חלק ג' אות תשנ"ט, מובא סיפור המעשה בארוכה עפ"י הגירסא המדוקדקת.

# לך אל נמלה עצל...

(ממשיך בחיי מוהר"ן סימן ע"ז:) **על ידי זריזות בנקל להיות פרנס הדור בגשמיות או ברוחניות, וסימן לדבר 'לך אל נמלה עצל', על זה כתיב מש'ם רוע'ה אב'ן ישרא'ל דהיינו פרנס וכו',** "משם רועה אבן ישראל" איז סופי תיבות 'נמלה'.

"גיי צו דער 'נמלה', לערן זיך ביי די 'נמלה'!", מען זאגט: 'עצל', גיי צו דער 'נמלה'!

וואס זאגט די וועלט דארטן, אז א 'נמלה' קען נישט לעבן מער ווי עפעס גאר א קליינקייט (זעקס חדשים), און זי האט צוגעגרייט אזוי פיל, אזוי פיל פאר הונדערטער יארן צו לעבן!

"'עצל' - גיי צו איר! לערן זיך ביי איר!".

פון וואנעט איז די ראיה אז דורך דאס 'זריזות' איז מען זוכה צו זיין א 'מנהיג'? "מש'ם רוע'ה אב'ן ישרא'ל" איז ס"ת 'נמלה', 'נמלה' איז דאך מרמז אויף 'זריזות', מען זאגט דאך "גיי לערן זיך ביי דער 'נמלה', לערן זיך ביי איר 'זריזות'!", 'משם רועה' - דארט וועסטו זוכה זיין צו זיין א מנהיג ישראל!

(המשך חיי מוהר"ן שם:) **ועניין זה כבר נדפס באלף בית החדש בלשון אחר אך בסגנון זה שמעתי זה הענין מפיו הקדוש.**

❖ ❖ ❖

**"דעם רבי'נס ספר" - פלעגן אונזערע לייט זאגן - "איז אזוי ווי א 'בית מרקחת', אן 'אפטייק', פול מיט רפואות!"**, יעדער מאמר איז א רפואה, יעדע שיחה איז א רפואה!

מיר רעדן דא א רפואה פון 'זריזות', פריער האבן מיר גערעדט פון 'היטן די צייט', דאס איז 'רפואות', 'רפואות', 'רפואות'!

מען זאל נאר היטן די צייט, וואלטן מיר געפונען אזוי פיל צייט, ס'וואלט אונז נישט געפעלט, און דער אויבערשטער וואלט אונז טאקע געשענקט א 'ברכה' אויך, א 'ברכה אין דער צייט'!

דער מענטש אז ער היט די צייט שענקט מען אים א 'ברכה', אז ער היט דער צייט און ס'איז נישט מספיק, די צייט איז נישט מספיק, שענקט מען אים א 'ברכה' אז ס'זאל יא מספיק זיין! אבער אז דו וועסט בטל'ענען - ווי קען איך דיר געבן א 'ברכה'?!

דער רבי האט געהייסן אז מען זאל רעדן צום אויבערשטן דיבורים, יעדע זאך זאל מען אויסרעדן פאר השי"ת, מיר רעדן דא א ענין פון היטן די צייט, דאס דארף מען אויך רעדן פארן אויבערשטן: **"האב אויף מיר רחמנות, לאז מיר היטן די צייט! לאז מיר היטן דער צייט!".**

א מענטש מיינט אז מען דארף רעדן נאר - איך וויים דארטן - פון די ביטערע תאוות! אז דו וועסט האבן צייט וועסטו דאך האבן אויף אלעם!

פארוואס היט איך נישט די צייט? פארוואס איז מיר די צייט 'וואלוול'? פארוואס בַטל איך דער צייט? פארוואס איז מיר געווארן 'עבר ושנה'? ווייל מיר דאכט זיך אז איך מעג בטל'ענען!

יעדע זאך וואס מען דארף רעדן צום אויבערשטן - דארף מען זיין אן 'עקשן' אין דער זאך! רעדן צום אויבערשטן מיט 'עקשנות': "פארוואס זאל די צייט נישט זיין ביי מיר חשוב? פארוואס זאל איך קענען אוועקלאזן - רעדן דברים בטלים אפילו א 'מינוט'? פארוואס זאל איך דאס קענען?!".

חוץ וואס ס'איז דא אז ס'קען זיך אריינכאפן אמאל א 'לשון הרע' אויך, און אפילו 'נישט קיין דיבור אסור', אבער א 'דבר בטל' איז עס! צו מעג איך דאס טוהן? מיר פעלט אזוי פיל, אזוי פיל זאכן פעלט מיר, איך בין נישט גאנץ, אין קיין שום זאך בין איך נישט גאנץ, האב איך נאך צייט צו בטל'ענען?!

איינער אז ער זיצט און לערנט און דאוונט, ער ווערט אמאל מיד, ער דרייט זיך ארום אין שטוב אביסל, ער קען רעדן צום אויבערשטן, דאס איז דאך א געוואלד!

מען דארף זיך אזוי מאכן דעם סדר זיינעם, אבער 'ליידיג' נישט, 'ליידיג' נישט! דריי זיך וואו דו ווילסט, אבער 'ליידיג' נישט, דאס נישט!

❖

# יום הנסיעה

מען פארט אמאל א 'נסיעה', מען האט פאר רבי נתן'ען געזאגט - אז דער רבי "ר' זושא" האט געזאגט: "ער וועט אפגעבן דין וחשבון אויף יעדן טאג, חוץ אויף א 'יום הנסיעה'!", האט רבי נתן געזאגט: **"איך וועל אפגעבן דין וחשבון אויף א יום הנסיעה אויך, נאר וועדליג דער טאג!".**

איך האב געהערט, "ר' נחמן טולטשינער" פלעגט זאגן, תמיד איז ער איז געפארן מיט רבי נתן'ען, אמאל פלעגט מען פארן דארטן עטליכע טעג מיט א פיר, ביינאכט און בייטאג, פלעגט אויסקומען צו דאווענען אויפ'ן פיר, פלעגט ר' נחמן זאגן: **"אזוי ווי רבי נתן האט געדאוונט אויף דעם פיר - האט ער נישט געזעהן אז ער זאל דאווענען אינדערהיים! אויפ'ן וועג האט ער נאך שענער געדאוונט!".**

"אויף דעם פיר האט ער נאך שענער געדאוונט ווי ער האט געדאוונט אינדערהיים!", פארוואס? ווייל דער איד וואס ער היט די צייט, און איז דבוק אינעם אויבערשטן, אים איז נישט קיין נפקא מינה וואו ער איז!

עס שטייט דארטן ביי קריאת שמע "בשבתך בביתך, ובלכתך בדרך, ובשכבך ובקומך", דאס איז 'איין פסוק', "דו זיצט אין שטוב, דו גייסט אין וועג, דו לייגסט זיך, דו שטייסט אויף", - דאס איז דאך 'אלעס', דא ליגט שוין אלצדינג, אין שטוב, אין וועג, און לייגן זיך, און אויפשטיין, איז - "ודברת בם, בם ולא בדברים בטלים!".[מ]

---

[מ] עי' ליקוטי הלכות הל' פקדון ד' אות ו': עַל כֵּן צְרִיכִים לֵידַע, שֶׁמַּה שֶּׁנִּדְמֶה לְהָאָדָם כְּאִלּוּ הַיּוֹם אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה וְלִלְמֹד וְלַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה', זֶה נִמְשָׁךְ רַק מֵהַחֹשֶׁךְ שֶׁקָּדַם לָאוֹר שֶׁנִּמְשַׁךְ מִפְּגַם הַצִּמְצוּם הַנַּ"ל, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ הַגֵּדֶר מִלְּבַר שֶׁיֵּשׁ עַל הַטּוֹב שֶׁבְּכָל יוֹם, כַּמְבֹאָר בַּזֹּהַר הַנַּ"ל, וּמִשָּׁם בָּאִים כָּל הַטְּעִיּוֹת וְהַדְּחִיּוֹת שֶׁל כָּל אָדָם שֶׁבְּכָל יוֹם, שֶׁנִּדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ הַיּוֹם הַזֶּה אֵינוֹ כְלוּם, כְּאִלּוּ אֵינוֹ מִימֵי חַיָּיו, כְּאִלּוּ הַיּוֹם אִי אֶפְשָׁר לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ כְּלָל, **כַּאֲשֶׁר נִמְצָא זֶה בְּרֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁאֵינָם מְפַקְּחִים עַל דַּרְכֵיהֶם הֵיטֵב, בִּפְרָט כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה סִבָּה וּמְאֹרָע לְטוֹב אוֹ לְהֵפֶךְ ח"ו, שֶׁאָז הַיּוֹם מִתְבַּלְבֵּל אֶצְלוֹ לְגַמְרֵי,** עַד שֶׁרֹב יְמֵיהֶם כָּלִים בָּזֶה לָהֶבֶל וְלָרִיק רח"ל, כְּגוֹן בְּיוֹם זֶה הוּא יָרִיד וְיוֹמָא דְשׁוּקָא, וּבְיוֹם זֶה צָרִיךְ לַחֲשֹׁב חֶשְׁבּוֹנוֹתָיו, וּבְזֶה הַיּוֹם יוֹצֵא לַדֶּרֶךְ, וּבְאֵלּוּ הַיָּמִים הוּא בַּדֶּרֶךְ נָע וָנָד וּמְטֻלְטָל, וּבְזֶה הַיּוֹם בָּא מִן הַדֶּרֶךְ וְצָרִיךְ לְהָרִים הַמַּשָּׂאוֹי מֵעַל הָעֲגָלָה וּלְסַדֵּר הַסְּחוֹרָה וּלְחַלְּקָהּ כָּרָאוּי וְכוּ', וּבְיוֹם זֶה מִזְדַּמֵּן לוֹ אֵיזֶה מְרִיבָה וּקְטָטָה עִם אֶחָד, וּבְיוֹם זֶה נִקְרָא עַל אֵיזֶה סְעֻדָּה, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה בִּטּוּלִים וּבִלְבּוּלִים שׁוֹנִים בְּכָל יוֹם וָיוֹם, עַד שֶׁכִּמְעַט בְּכָל יוֹם נִמְצָא בּוֹ בִּטּוּל וּבִלְבּוּל גָּדוֹל, וַאֲפִלּוּ בִּשְׁאָר הַיָּמִים שֶׁאֵין בּוֹ מְאֹרָעוֹת כָּאֵלֶּה נִדְמֶה לוֹ גַּם כֵּן עַל פִּי הָרֹב בְּכָל יוֹם כְּאִלּוּ הַיּוֹם הַזֶּה אֵינוֹ כְלוּם וְכַנַּ"ל, וְכָל זֶה נִמְשָׁךְ מֵהַגֵּדֶר מִלְּבַר דְּאִית עַל כָּל יוֹם וְכַנַּ"ל.

❖ ❖ ❖

# גודל כח הבחירה

(חיי מוהר"ן סימן ע"ח:) הַתּוֹרָה אַתֶּם נִצָּבִים בְּלִקּוּטֵי א' בְּסִימָן מ"ד אָמַר בְּשַׁבָּת שֶׁקֹּדֶם רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁל שְׁנַת תקס"ג בַּשַּׁבָּת הָרִאשׁוֹן שֶׁנִּתְקָרַבְתִּי אֵלָיו, וְשָׁם מְדַבֵּר מֵעִנְיַן מְחִיאַת כַּפַּיִם בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה.

וְדַע שֶׁבְּאוֹתוֹ הָעֵת שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה הַזֹּאת, אָז הָיָה סָמוּךְ לִכְנִיסָתוֹ לְפֹה בְּרֶסְלֶב, וְאָז דִּבֵּר הַרְבֵּה מֵעִנְיַן מְחִיאַת כַּפַּיִם בִּתְפִלָּה, וְסִפֵּר לִי - 'רבי נתן' איז נישט געווען דעמאלט ביים רבי'ן, מען האט אים דערציילט - שֶׁבִּתְחִלַּת כְּנִיסָתוֹ לְפֹה עָמַד פַּעַם אַחַת עַל פֶּתַח בֵּית הַמִּדְרָשׁ שֶׁבְּבֵיתוֹ, וְהוֹכִיחַ אֶת הָעוֹלָם עַל אוֹדוֹת הַתְּפִלָּה שֶׁאֵינָם מִתְפַּלְּלִים כָּרָאוּי וכו'.

גַּם אַחַר־כָּךְ בְּסָמוּךְ אַחַר סֻכּוֹת בָּא אִישׁ אֶחָד מִנֶּעמְרִיב אֵלָיו וְהוּא הָיָה הָאִישׁ שֶׁהָיָה אֶצְלוֹ קֹדֶם רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁהָיָה מִתְלוֹצֵץ מִמְּחִיאַת כַּפַּיִם שֶׁל אֶחָד כַּנַּ"ל, וְהָאִישׁ הַזֶּה בָּא עַל אוֹדוֹת בְּנוֹ שֶׁנֶּחֱלָה אֶצְלוֹ רח"ל, וְהֶרְאָה לוֹ רַבֵּנוּ ז"ל וכו', עָנָה רַבֵּנוּ ז"ל וְאָמַר אִם הָיָה הָאִישׁ הַנַּ"ל מְקַבֵּל דְּבָרַי, כְּבָר הָיָה הַיֶּלֶד שָׁב לִבְרִיאוּתוֹ. כְּאוֹמֵר, אֲבָל עַכְשָׁו שֶׁלֹּא קִבֵּל דְּבָרַי אִי אֶפְשָׁר שֶׁיִּחְיֶה הַיֶּלֶד. וְכֵן הֲוָה, שֶׁבְּסָמוּךְ נִפְטַר הַיֶּלֶד וכו' (עיי"ש כל הענין באריכות).

ס'איז געווען א בחירה ביים רבי'ן! דער קינד איז שלאַף - און דער רבי רעדט, און די דיבורים האבן נישט קיין חשיבות!

וּכְשֶׁדִּבֵּר רַבֵּנוּ ז"ל עִמִּי מֵאִישׁ הַנַּ"ל שֶׁלֹּא קִבֵּל דְּבָרָיו, אזוי זאגט רבי נתן, הִתְחַלְתִּי לְהַמְלִיץ עֲבוּרוֹ וכו', הֵשִׁיב הוּא ז"ל אִם־כֵּן יֵשׁ לוֹ נִסָּיוֹן גָּדוֹל. כְּלוֹמַר, וְכִי מַה בְּכָךְ, וְכִי מִפְּנֵי זֶה אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהִתְקָרֵב, רַק שֶׁהַנִּסָּיוֹן שֶׁלּוֹ גָּדוֹל, וּבְוַדַּאי הוּא צָרִיךְ לַעֲמֹד בַּנִּסָּיוֹן וּלְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת וּלְהִתְקָרֵב.

ס'איז געווען א נסיון ביים רבי'ן! דער צדיק האט דאך אזא מין 'כח' אז דער מענטש זאל ממש האבן 'ביטול הבחירה', אבער 'ניין'! ער לאזט אים האבן 'בחירה', ער לאזט אים! "דו קענסט הערן מיינע דיבורים, און דו קענסט - ס'זאל נישט האבן ביי דיר קיין חשיבות! אלעם האסטו כח!".

ביים אנהויב 'התקרבות' (של מוהרנ"ת), ווען דער רבי איז ארויס קיין ברסלב, איז צוויי חשוב'ע מענטשן געווען (וכו', כנ"ל בחיי מוהר"ן), ער קומט צום רבי'ן און רעדט וועגן זיין קינד וואס איז שלאַף, און דער רבי רעדט מיט אים, און ס'האט נישט קיין חשיבות ביים אים די דיבורים!

❖

# ויכבד פרעה את לבו

דערווייל האבן אלע מיר געלערנט דא 'פרשת וארא', 'פרשת בא', 'פרעה' איז געווען א 'קשה עורף', א 'עקשן', מען האט אים געגעבן קלעפּ און קלעפּ און קלעפּ, ער האט זיך נישט געוואלט אונטערגעבן, ער האט זיך נישט געוואלט אונטערגעבן צום אויבערשטן!

אזוי פיל קלעפּ ווי מען האט אים געגעבן, דער זוהר הקדוש ברענגט דארטן, 'פרעה' האט געוואוסט דעם גאנצן - ער איז געווען אזא מין 'מכשף', אזעלכע 'כוחות' האט ער געהאט, פרעה האט געוואוסט דאס גרויסקייט פונעם אויבערשטן, אז דאס איז העכער פון אלע זיינע - ער האט געוואוסט דאס גרויסקייט! אבער אז ער האט געזעהן דארטן אז מען קען דאס נאך צוברעכן, איז 'ער' העכער, 'העכער', 'העכער'!

ביז די 'לעצטע מכה' - ער האט שוין געהאט די מכה פון 'חושך', פאר 'מכת בכורות', האט ער שוין געזאגט צו משה רבינו: "דו זאלסט זיך שוין נישט מער באווייזן פאר מיר, 'כי ביום ראותך פני תמות'!", האט משה געזאגט: "גוט, 'לא אוסיף עוד ראות פניך'!".

פרעה איז געווען א 'עקשן', א 'קשה עורף', עס קומט אזעלכע 'התגלות', אזעלכע 'מופתים', זיי האבן שוין מודה געווען די אלע 'מכשפים' אז 'אצבע אלקים הוא', מען האט שוין געזעהן אלע אז מצרים ווערט פארפוילט, ווערט גארנישט, אויס! - דאס הייסט א 'קשה'.

אבער דער אויבערשטער פירט אויס! דער אויבערשטער האט אויסגעפירט, די אידן זענען ארויס פון מצרים![מא]

[מא] עי' ענין זה בארוכה בליקוטי הלכות הל' ראש חודש ו' אות י"ד, והל' חדש ד' אות ט'.

❖

# ער וועט דאך ממילא אויספירן...

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן זיך נישט עקשן'ען מיט'ן אויבערשטן, מיר זאלן נישט זיין פון דעם 'קשה', פון דעם 'הכבדתי את לבם', מען זאל זיך נישט עקשן'ען! פארוואס? ווייל דער אויבערשטער פירט דאך אויס! - האט גערעדט "ר' אברהם ר' נחמן'ס" - "פארוואס דארף איך נאכאמאל 'גלגול' און נאכאמאל 'גלגול'? דער אויבערשטער וועט דאך אויספירן מיט מיר וואס 'ער' וויל!".[מב]

"וואס ער וויל מאכן פון מיר וועט ער אויספירן! אז איך וועל זיך נישט עקשנ'ען - וועט ער אויספירן 'גיכער', אז נישט - וואס דארפסטו האבן נאכאמאל, נאכאמאל? זיי נישט קיין עקשן, גיב זיך בעסער אונטער!".

מיט וועמען עקשנ'סטו זיך? 'לעולם ידך על העליונה'! 'ער' פירט תמיד אויס, וואס ער וויל מאכן פון דיר וועט ער מאכן פון דיר, יאג זיך אונטער!

בפרט אין דעם דור - דו ביסט אריינגעפאלן צו אזא מין רבי'ן! דו האסט אזא מין רבי'ן - איז דאך דיר 'גרינגער'!!!

חלילה אויב 'נאכאמאל' - ווער ווייסט צו מען וועט אנקומען צו אזא מין רבי'ן?! צו מען וועט וויסן פון אזא מין רבי'ן? ווער ווייסט וואס קען זיין אין א צווייטן גלגול?!

איך בין שוין דא ביי דעם רבי'ן, טוה! פאלג דעם רבי'ן! גיי און זיי נישט קיין עקשן, גיב זיך אונטער!

❖

[מב] עי' "תולדות יעקב יוסף" פרשת נשא (דף קכ"ד ע"ד, ד"ה עוי"ל רמז לכ"ד מתנות כהונה) וז"ל: דשמעתי "מהמוכיח דק"ק פלאנאי" בפרשת קדושים תהיו כי קדוש אני, דלכאורה קשה וכו', ואמר שנפש ישראל מצד שהם נצר מטעו יתברך מוכרח שיהיה בן עולם הבא אחר כל התיקונים והגלגולים והעונשים, כי לא ידח ממנו נדח, כי הוא חלק אלוקי ממעל שהוא קדוש, **ועל כרחך סופך מוכרח להיות קדוש גם כן, ואם כן למה יאוחר, דיותר טוב להקדים שלא יקבל עונשים הקשים**, ודפח"ח.

# אלעס דערציילן דעם אויבערשטן

דעם ענין פון 'אלעס דערציילן דעם אויבערשטן', 'אלעס רעדן פאר השי"ת', דאס איז אזא מין 'עצה', מען קען זוכה זיין צו 'אלעס'! אלע זאכן וואס מיר רעדן דא, אלע אוצרות, קען מען אלעס זוכה זיין דערצו!

"איך וועל אלעס דערציילן דעם אויבערשטן! - דאס איז מיין בעסטער גוטער פריינד!".[מג]

דעם ערשטן 'עשרת ימי תשובה' איז ר' נתן געבליבן ביים רבי'ן די גאנצע 'עשרת ימי תשובה', ער איז נישט אוועקגעפארן נאך ראש השנה, דער רבי האט מיט אים אסאך גערעדט אלע טאג.

אין 'ברסלב' דארטן איז דא דעם רבי'נס בית המדרש, ביי די ווענט אינדרויסן איז דא אזעלכע מיני (אצטבאות) - מען קען זיך אוועקזעצן דארט, דארטן הייסט עס א 'ספריזבער', האט זיך דער רבי אוועקגעזעצט מיט ר' נתן'ען און גערעדט מיט אים, און גערעדט מיט אים.

דער רבי האט אזוי פיל כוחות אוועקגעגעבן פאר ר' נתן'ען, און וויפיל דער רבי האט מיט אים גערעדט - איז נאך נישט געווען ביי אים אזוי אין מח אז "דאס וועט מיך שוין מאכן פאר אן ערליכער איד", "דאס וועט מיך שוין מאכן פאר אן איש כשר" - ס'איז נאכנישט געווען ביי אים אזוי (חזק בדעתו).

ביז דער רבי האט אוועקגעלייגט דער האנט על כתיפו, און האט אים געזאגט: **"און ווייטער איז זייער גוט אז מען רעדט זיך אוים פאר השי"ת, דהיינו אזוי ווי פאר אן אמת'ן גוטן פריינד!".**

נאכדעם איז אים אריין אין הארצן, אה, דורך די רייד, דאס קען שוין זיין - "קען **איך ווערן אן איש כשר!"**.

דעמאלט איז שוין געווארן ביי אים - דאס איז געווען דער 'מכה בפטיש' פון די התקרבות, אז ער האט געהערט דעם דיבור! "דאס איז דאס!".

---

[מג] *מאמרו של מוהרנ"ת, עי' להלן.*

נו, ברוך השם מיר האבן דאך שוין דעם דיבור פון לאנג געהערט, נו זאל ער אריין, זאל ער אריין אין אונז!

רבי נתן האט טאקע געהערט פונעם רבי'ן אליין, איז עס אריין! אריין אין הארץ!

רבי נתן האט גענומען דעם דיבור פון 'רעדן צום אויבערשטן' - א געוואלד, א געוואלד!

אבער מיר גלייבן דאך, אז דער רבי האט גערעדט צו רבי נתן'ען - רעדט ער צו יעדעם איינעם! דער רבי רעדט צו יעדעם איינעם, דער בעסטער גוטער פריינד מיינער איז השי"ת! רעד דיך אויס פאר אים אלעם, דערצייל אים!

❖

און די היינטיגע סדרה אין זוהר הקדוש שטייט,[מד] "פיקודא בתר דא" - אז דער 'מקטרג' איידער ער קומט, זיי דיך מזרז און דערצייל דעם אויבערשטן פריער, איידער דער מקטרג קומט!.

אזוי ווי מיר האבן אזוי א גרויסן רבי'ן, איז דא אנטקעגן א גרויסער 'מקטרג' אויך, א גרויסער 'מקטרג', דארף מען זיך מזרז זיין און דערציילן דעם אויבערשטן פריער אלעם!

❖

# הויבט אן נוצן אייערע אוצרות

מען דארף אוועקלייגן תפילות פאר'ן אויבערשטן 'איך זאל היטן דער צייט'! די צייט זאל נישט זיין ביי מיר 'וואלוול', 'איך זאל היטן דער צייט', געבן דערויף תפילות, "פארוואס איז מיר די צייט 'וואלוול'?! יעדער מינוט איז דאך א 'פארמעג'!".

---

[מד] עי' פרשת בא דף מ"א, רעיא מהימנא סוף פיקודא כ"ו: כְּגַוְונָא דָּא, מַאן דְּאִשְׁתָּעֵי וּמְפָרֵט חֶטְאוֹי עַל כָּל מַה דְּעָבַד, אִי תֵּימָא לְמָאי אִצְטְרִיךְ. אֶלָּא מְקַטְרְגָא קָאִים תָּדִיר קָמֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, בְּגִין לְאִשְׁתָּעֵי וּלְמִתְבַּע חוֹבֵי בְּנֵי נָשָׁא, וּלְמִתְבַּע עֲלַיְיהוּ דִּינָא. כֵּיוָן דְּאַקְדִּים בַּר נָשׁ, וּמְפָרֵיט חֶטְאוֹי, כָּל חַד וְחַד, לָא אַשְׁאִיר פִּתְחָא דְּפוּמָא לְהַהוּא מְקַטְרְגָא, וְלָא יָכִיל לְמִתְבַּע עָלֵיהּ דִּינָא. דְּהָא תָּדִיר תָּבַע דִּינָא בְּקַדְמִיתָא, וּלְבָתַר מִשְׁתָּעֵי וּמְקַטְרֵג פְּלוֹנִי עָבֵד כַּךְ. וְעַל דָּא, אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאַקְדְּמָא, וּלְפָרֵט חֶטְאוֹי, כֵּיוָן דִּמְקַטְרְגָא חָמֵי דָּא, לֵית לֵיהּ פִּתְחָא דְּפוּמָא עָלֵיהּ, וּכְדֵין אִתְפְּרַשׁ מִנֵּיהּ מִכֹּל וָכֹל...

דאס וואס דער רבי ברענגט דארטן אין 'סיפורי מעשיות':[מה] "הויבט אן זיך נוצן מיט אייערע אוצרות" - פלעגן אונזערע לייט זאגן, **"אז דער עיקר 'אוצר' איז נאר די 'צייט'!"**, דאס איז דער 'אוצר'.

**אז איר וועט האבן די 'צייט' וועט איר האבן 'אלעס', 'אלעס האבן'!**

יעדע זאך דארף האבן 'צייט': 'תורה' מוז האבן צייט, 'תפילה' מוז האבן צייט, אין א צייט קען איך 'לערנען', און 'תפילה' מוז האבן זמן, 'יעדע מצוה' מוז האבן זמן, 'רעדן מיט א חבר' מוז האבן זמן, אלע 'דברים טובים' מוז דאך האבן זמן, אפילו א עסקן לצדקה - מוז איך אויך האבן זמן, איז דאך אלץ דער זמן!

איז דאך דער עיקר פארמעג מיינער דער 'זמן', אז איך וועל היטן דעם 'זמן' וועל איך האבן אלעס!

אז מען היט נישט דער צייט - קען זיך ארייננכאפן א 'דיבור אסור' אויך, און אפילו נישט קיין דיבור אסור - נאר אזוי 'נישט גלאטיג'.

וואס איך קען זוכה זיין אין דער צייט - א געוואלד! לעתיד וועט מען וויסן די גרויסקייט פון 'אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן': "רבונו של עולם, האב אויף מיר רחמנות!".

דאס קען מען אין דעם עולם נישט וויסן - דאס גרויסקייט דערפון! ווי לאנג מען איז מלובש אין א מגושם'דיגער גוף קען מען דאס נישט וויסן, לעתיד וועט מען וויסן ווי דאס איז גרויס!

און וויפיל געדויערט דאס? א 'מינוט', א 'האלבע מינוט', רעדן צום אויבערשטן די דיבורים? א 'האלבע מינוט' אויך נישט! - זעהט מען וואס מען קען זוכה זיין אין א 'האלבע מינוט', קען מען זוכה זיין צו אזא מין פארמעג!

❖

[מה] מעשה י"ג - ז' בעטלערס, יום א'.

# אביסעלע איז אויך גוט...

די אלע גרויסע 'עובדים' וואס זענען געווען ביי אונז, 'מתבודדים' גרויסע, אנהויבן האט זיך עס אנגעהויבן אלץ דערפון - אז זיי האבן אנגעהויבן צו פילן אז 'אביסעלע' איז גוט![מו] דערפון האט זיך אנגעהויבן, ביז ס'איז געווארן אזוי פיל! אז א 'מינוט' איז גוט, אז א 'ווארט' איז גוט, ביז ס'איז געגאנגען אזוי - -

ר' נתן רעדט דאך אין א הלכה אויך,[מז] אז דאס התעוררות וואס ווערט פון 'התחזקות' איז א אנדערע התעוררות! - ס'איז דא אמאל א התעוררות וואס ווערט פון 'התעוררות אליין' -

פון די התחזקות וואס מיר רעדן דא, אז א 'מינוט' איז אזוי טייער, א 'רגע' איז אזוי טייער, דערפון אז מען ווערט נתעורר, איז גאר א אנדערע התעוררות!

❖

די תורה הקדושה אליין איז העכער ווי דער זמן, 'למעלה מן הזמן', יעדע מצוה איז 'למעלה מן הזמן', אבער זיי זענען 'מלובש' אין א זמן.

אז ס'קומט 'תפילין', ווען מעג מען לייגן 'תפילין'? על פי שלחן ערוך - ווען איז דער זמן פון תפילין?! ס'איז מלובש אין א זמן! 'ציצית' איז מלובש אין א זמן, 'שבת' האט א זמן, 'אתרוג' האט א זמן, 'יעדע מצוה' האט א זמן!

די עצם מצוה אליין איז 'למעלה מן הזמן', העכער ווי דער זמן, אבער זי איז מלובש אין א זמן!

---

[מו] עפ"י דיבור של רביז"ל למוהרנ"ת, עי' אבני"ה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת ז"ל, אות ס"ה.

[מז] עי' ליקוטי הלכות ברכת הודאה ו' אות נ"ח: ... כִּי כֵּן נוֹהֲגִין הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עִם נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל הַנִּלְוִים אֲלֵיהֶם, שֶׁמְּשַׁפְּרִין אוֹתָם וּמְיַפִּין אוֹתָם בְּכָל מִינֵי עֵצוֹת לְהַחֲיוֹתָם וּלְחַזְּקָם בְּכָל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה טוֹבָה שֶׁמּוֹצְאִין בָּהֶם וְכוּ' ... בְּהֵפֶךְ מִדַּעַת הַסִּטְרָא אָחֳרָא שֶׁהִיא בְּחִינַת פַּרְעֹה וּמִצְרַיִם, שֶׁכָּל עִסְקֵיהֶם לְהַגְבִּיר הָעַצְבוּת בְּכַמָּה נְכָלִים וְעַרְמוּמִיּוּת, הָעִקָּר עַל-יְדֵי טִרְדַּת הַמָּמוֹן וְהַפַּרְנָסָה, וְלִפְעָמִים עַל-יְדֵי סְבָרוֹת הַהֲפוּכוֹת שֶׁלָּהֶם שֶׁנִּמְשָׁכִין מֵהֵיכְלֵי הַתְּמוּרוֹת, שֶׁמַּשְׁלִיכִין אֶת הָאָדָם עַל-יְדֵי הַתּוֹכָחָה שֶׁאֵינָהּ כָּרָאוּי שֶׁלָּהֶם וְכוּ'. (וְאֵין כָּאן מְקוֹמוֹ לְהַאֲרִיךְ בָּזֶה וְעַיֵּן בְּמָקוֹם אַחֵר מִזֶּה)...

דאס איז אויך דאס אייגענע, דער מענטש אליין אז ער איז זוכה עפעס צו אײדעלע געדאנקען - דאס איז נאך העכער ווי דער זמן, אבער 'בעולם הזה' מוז מען זיין אין א גבול וזמן! ביזט אין דעם עולם? ביסטו מלובש אין א זמן!

דער רבי רעדט פון א 'נקודה פון חצות' - האט עס א זמן, ס'האט א זמן! דער רבי רעדט פון 'רעדן דיבורים צום אויבערשטן' - ס'האט א זמן! כאטש דער עצם זאך אליין איז העכער, אבער ס'איז מלובש אין א זמן, אָן א זמן וועל איך גארנישט האבן!

אזוי איז דאס, מיר זענען אין דעם עולם - זענען מיר אין א 'גבול', זענען מיר אין א זמן, אז מיר וועלן היטן דעם זמן וועלן מיר האבן אלעס!

❖

# ולא יקח שוחד

אין פסוק שטייט[מח] 'אז דער אויבערשטער נעמט נישט קיין שוחד', "ולא יקח שוחד"! וואס איז פשט "דער אויבערשטער נעמט נישט קיין שוחד"?! א גשמיות'דיגער מענטש נעמט שוחד דארטן, מען גיבט אים דארטן געלט, פסק'נט ער יענעם צו, אבער וואס איז שייך צו זאגןביים 'אויבערשטן' - ער נעמט נישט קיין שוחד?!

נאר למשל, איינער דארטן איז א 'מתמיד', ער לערנט אזוי פיל צייט, (הרי הוא חושב) "גיבט ער דאך דעם אויבערשטן אסאך - קען איך שוין בטל'ענען אביסל!", (אבל השי"ת אומר:) "איך נעם נישט קיין שוחד! דערפאר ווייל דו לערנסט אזוי פיל ווילסטו שוין בטל'ענען? איך נעם נישט קיין שוחד! קיין מצוה נעם איך נישט קיין שוחד!".[מט]

---

[מח] דברים י' י"ז.

[מט] עי' פירוש המשניות להרמב"ם, מסכת אבות פרק ד': ואמר ולא מקח שוחד. הוא כמו שאמר ג"כ בתורה אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד. ואין ענינו שלא יקח שוחד להטות הדין כי זה מן השטות שירוחק מן הש"י מה שלא יצוייר ואף לא ידומה כי איך יצוייר לו שוחד ומה יהיה השוחד, **אבל ענינו מה שביארנו שהוא לא יקח שוחד הטובות, כמו שיעשה אדם אלף טובות ורעה אחת, שלא ימחול הש"י מעבירה ההוא לרוב טובותיו,** ויחסר לו מאלף טובותיו טובה אחת או יותר, אבל יענש על זאת הרעה האחת, ויגמלהו על הטובות ההם כולם, וזהו ענין לא יקח שוחד. והוא כמו לא ישא פנים, שיענש הגדול במעלות על דבר מועט, כמו שיענש משה רבינו ע"ה על חטא הכעס כמו שביארנו בפרקים הקודמים, וגמול עשו הרשע על כבוד אב ואם, ונבוכדנצר על כבוד הש"י, כמו שהתבאר בסנהדרין, וזהו ענין ולא משוא פנים.

דאס איז 'גוט', און דאס איז 'שלעכט'! 'דערפאר' ווערסטו אפגעבן דין וחשבון! איך נעם נישט קיין 'שוחד'! וויפיל דו גיבסט מיר 'גוטס', דערפאר ווערסטו ווערן טוהן א זאך וואס ס'איז 'נישט'?!

❖

דער מדרש ברענגט אין א ארט,[ג] אז 'משה רבינו' בשעת ס'איז געווען די 'הכאת הצור', האט ער נישט געבעטן באלד דעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער זאל אים מוחל זיין, ער האט געהאלטן "אז אזוי פיל זאכן האט דער אויבערשטער מיר צוליב געטוהן, יציאת מצרים, קריעת ים סוף, מיט דעם עגל (לכפר עליו), אלעס, וועט ער מיט די זאך אויך צוליב טוהן!". "ניין, דו זאגסט אזוי, איך וועל דיר ווייזן אז 'דאס' איז א גרויסע זאך!".

אזוי א מדרש איז דא, ווען ער וואלט ווען געבעטן באלד, וואלט עס נמתק געווארן, ער האט געהאלטן אז -

'משה רבינו', דער 'רבן של כל ישראל'! אבער ווייל ער האט געהאלטן די זאך פאר א 'קליינע זאך' - איך וועל אים ווייזן אז ס'איז א 'גרויסע זאך'!

ביים אויבערשטן איז נישט שייך, דו טוהסט 'מצוות' איז א 'גוטע זאך', דערפאר ווערסטו טאן א 'אנדער זאך'? איך נעם נישט קיין 'שוחד'!

❖

# 'מעשה הצדקה'

מיר רעדן דא פון 'שמירת הזמן', דער אויבערשטער זאל אונז העלפן טאקע, מיר זאלן שוין מקיים זיין וואס מען רעדט, ווערן מיר זעהן אז מיר האבן זמן צו פאלגן - טוהן דעם רבי'נס עצות, און מיר האבן זמן פאר תורה תפילה!

מיר האבן זמן, מיר האבן צו טוהן גוטע זאכן, צו עוסק זיין 'בעשיית המצוה' - 'צדקה', דער רבי האט געהאלטן פון 'טוהן', דאס דארף מען אויך טוהן, האבן השתדלות, 'מצות צדקה'! צו אלעס איז דא צייט!

[ג] עי' רש"י דברים ג' כ"ט עה"פ "ונשב בגיא וגו' ועתה ישראל" וגו', ובילקוט שמעוני ובספרי שם.

ר' נתן ברענגט:[נא] "שמעתי מאדמו"ר - דער עיקר עשיה איז צדקה".

די ראיה איז דאך פון זוהר הקדוש,[נב] "ושם האיש אשר עשיתי עמו", און "נעשה אדם", "מה התם צדקה, אף כאן צדקה"! אין זוהר ברענגט ער די 'גזירה שוה', דער עיקר עשיה איז צדקה, 'מעשים טובים'!

אז דער אויבערשטער וועט אונז העלפן, אז מיר וועלן היטן דעם זמן, וועט מען אונז געבן מלמעלה א ברכה, ס'וועט זיין א ברכה (לכל דבר).

דער אויבערשטער האט געזאגט "נעשה אדם" - זאגט דער 'זוהר הקדוש' - "איך וועל מאכן א מענטש וואס ער וועט שפעטער זאגן 'נעשה'!".

'נעשה אדם' - איך וועל מאכן א מענטשן, אזא מין בריאה, וואס שפעטער וועט ער זאגן 'נעשה ונשמע'! אזוי זאגט דער זוהר הקדוש.

וואס איז דער ווארט 'נעשה'? נעשה מיינט מען 'צדקה'! זאגט דער רבי אין דער תורה - אז דער 'עיקר אדם' איז 'בגדר הצדקה', דערמאנט דער רבי דארט די גזירה שוה פון 'נעשה אדם' און 'אשר עשיתי עמו', אז דער 'עיקר אדם' איז נאר 'בגדר הצדקה'.

ס'איז דא וואס צו טוהן! תורה, ותפילה, מצוות, ומעשים טובים, ס'איז דא וואס צו טוהן אין דעם עולם! אלעס איז דא, נאר בטל'ען דער צייט דאס נישט! דאס נישט!

❖ ❖ ❖

# ראוי להביא קרבן תודה

(חיי מוהר"ן סימן ע"ט:) **הַתּוֹרָה 'יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה, בְּחִינַת תּוֹדָה וְכוּ', בְּלִקּוּטֵי תִנְיָנָא בְּסִימָן ב'. זֹאת הַתּוֹרָה אָמַר בְּשַׁבַּת חֲנֻכָּה וּבְאוֹתָהּ שָׁנָה בָּא מִלֶּמְבֶּרְג,** דער רבי איז געקומען 'פרשת בלק' פון לעמבערג, און נאך ראש השנה - 'חנוכה' האט דער רבי געזאגט די תורה.

---

[נא] עי' ליקוטי הלכות הל' צדקה א': וְעִקַּר שֵׁם הַמַּעֲשֶׂה שֶׁבִּקְדֻשָּׁה הוּא בְּחִינַת צְדָקָה, בִּבְחִינַת מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה, (כַּמּוּבָא בַּמַּאֲמָר "וַיְהִי הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם" בְּסוֹפוֹ בְּסִימָן י"ז), וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּי קָדוֹשׁ אַדְמוֹ"ר נֵרוֹ יָאִיר, וּמִכְּלַל דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים הָיִיתִי שׁוֹמֵעַ שֶׁשֵּׁם עֲשִׂיָּה הִיא צְדָקָה. (ועי' חיי מוהר"ן אות תקס"ז).

[נב] הקדמת הזוהר דף י"ג ע"ב, עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ז אות ג', ותו' רכ"ה, ותו' ב' תניינא אות ד'.

זאגט רבי נתן, וּלְפִי עֲנִיּוּת דַּעְתִּי הַמְשִׁיךְ בָּזֶה בְּחִינַת תִּקּוּן קָרְבַּן תּוֹדָה שֶׁהָיָה צָרִיךְ לְהָבִיא עַל שֶׁחָזַר מִשָּׁם בְּשָׁלוֹם לְבֵיתוֹ. כִּי זֶה יְשׁוּעָה גְּדוֹלָה וְנִפְלָאָה מְאֹד לָנוּ וּלְכָל יִשְׂרָאֵל, כִּי אִם הָיָה נִשְׁאָר שָׁם בְּלֶמְבֶּרְג אֶפְשָׁר הָאוֹר הָיָה מִסְתַּלֵּק לְגַמְרֵי ח"ו, וְלֹא הָיִינוּ שׁוֹמְעִין כָּל הַנּוֹרָאוֹת שֶׁהָיָה מְגַלֶּה לָנוּ אַחַר־כָּךְ - דער גאנצער אנדערער חלק איז דאך געווארן נאך לעמבערג - בְּתוֹרוֹתָיו וְשִׂיחוֹתָיו שֶׁאָמַר אַחַר־כָּךְ. בִּפְרָט הַמַּעֲשִׂיּוֹת, שֶׁעִקַּר הַמַּעֲשִׂיּוֹת הַגְּדוֹלוֹת גִּלָּה לָנוּ אַחַר־כָּךְ, בִּפְרָט הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶירְס. וּבְוַדַּאי רָאוּי לְהָבִיא קָרְבַּן תּוֹדָה עַל יְשׁוּעָה כָּזֹאת וכו'.

דער רבי איז געווען דארטן זייער שלאַף, רבי נתן איז דעמאלט געווען אין מאהליב, ס'איז ארוים א קול אז דער רבי איז נסתלק דארט אין לעמבערג[נג] -

(אחד הנוכחים: דער תיקון הכללי - די צעהן קאפיטלעך תהלים - איז דאך אויך געווען שפעטער), אלץ געווען שפעטער!

די דריי ראש השנה'ס: תקס"ט, תק"ע, תקע"א, איז געווען די דריי תקעו'ס (- 'תקעו ממשלה' בלקוטי תניינא סי' א', 'תקעו אמונה' סי' ה', 'תקעו תוכחה' בסי' ח').

און ווייטער די דריי חנוכה'ס איז געווען, 'ימי חנוכה' (לקוטי תניינא סי' ב'), און 'כי מרחמם ינהגם' (סי' ז'), יא, און דער דריטער חנוכה איז שוין נישט געווען (שכבר נסתלק רביז"ל).

'שבועות' איז ווייטער געווען: 'ואת הערבים' (סי' ד').

דער גאנצער אנדערער חלק (ליקוטי מוהר"ן) 'תניינא' איז געווארן נאך לעמבערג, די 'מעשיות'.

און דאס איז אלץ דא פאר אונז! די אלע אוצרות זענען דא פאר אונז, מיר האבן אלעס, און דער רבי וויל אוודאי מיר זאלן זיך פירן דערמיט, און טוהן דערמיט, לערנען די דיבורים!

❖

---

[נג] עי' ימי מוהרנ"ת אות מ"א.

# גיבט מיר וואפנע מיט ציגל

מען האט יענע וואך גערעדט, אז דער צדיק איז דער 'יסוד', 'צדיק יסוד עולם', ער מאכט א 'יסוד', נאכדעם דארף מען דאך 'בויען', און נישט נאר וואס דער צדיק לייגט דעם 'יסוד' - ער בויעט אליין אויך, ער מאכט דעם 'בנין' אויך!

ער וויל נאר מיר זאלן געבן 'חומר ולבנים', ער בויעט אויך, **"גיבט מיר וואפנע מיט ציגל, וועל איך בויען!".**[נד]

קומט אוים אז די אלע 'יסודות' וואס דער רבי האט אונז איבערגעלאזט, זאגט ער נאר: "איר גיבט מיר 'חומר ולבנים', גיבט מיר 'תורה ותפילה', 'מצות ומעשים טובים' - איך וועל שוין בויען! איך וועל שוין מאכן 'בנינים' דערפון!".

זענען מיר דאך אוודאי שלימזל'ניקעס, אזא צדיק, אזעלכע 'יסודות' לייגט ער אליין, און בויען וועט ער אויך בויען אליין, "נאר גיבט מיר 'חומר ולבנים'", א דאס דארפן מיר אים געבן!

ער קען מאכן דעם 'יסוד', און ער קען 'בויען', אבער מיט וואס צו בויען דארפן מיר אים געבן!

און לעתיד (וועט מען זעהן) יעדער איינער וואס מער חלק ער האט געהאט אין דעם בנין דקדושה!

(השואל: 'שיחות הר"ן' האט דער רבי געזאגט פריער - פאר לעמבערג, אדער שפעטער?) ס'איז דא שיחות פון פריער און פון שפעטער!

❖

[נד] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ג: שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר לַאֲנָשָׁיו, מַה לָּכֶם לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת, אֵין אַתֶּם צְרִיכִים כִּי־אִם לָתֵת אֲבָנִים וָסִיד וַאֲנִי בּוֹנֶה מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, כְּלוֹמַר שֶׁאָנוּ צְרִיכִין רַק לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה' בִּפְשִׁיטוּת בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה וּמִצְוֹות וְהוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה מַה שֶּׁעוֹשֶׂה, "אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְּנֶע אוּן אִיךְ בָּאוֶּועֶ דֶער פוּן בִּנְיָנִים", וּמָשַׁךְ הַרְבֵּה תֵּבַת 'בִּנְיָנִים' כְּמַפְלִיג בְּשֶׁבַח נִפְלְאוֹת תִּפְאֶרֶת הַבִּנְיָנִים הַנּוֹרָאִים שֶׁבּוֹנֶה מִזֶּה...

# ויחכם מכל אדם

(אחד מהנוכחים: היינט איז ר' אברהם קאליסקער'ס יארצייט, וואס איז דער שבח וואס ר' אברהם קאליסקער האט געזאגט אויפן רבי'ן?) **עס שטייט דארטן,[נה] בשעת דער רבי האט זיך אראפגעבויגן אז ער זאל אים בענטשן,** (ואמר הרה"ק מקאליסק:) **"ווי שעמען מיר זיך נישט פאר זרע הבעל שם טוב?!", און דעם רבי'נס מענטש האט ער יא געבענטשט.**

**מען זעהט דאך, ער האט געהאט א געוואלדיגן 'ביטול' פאר'ן רבי'ן, ער האט געהאט א געפיל אינעם רבי'ן, ער האט דערקענט דעם רבי'ן!**

**מיט "ר' הירש לייב מֶאַליק" האט ער אויך גערעדט מיט גרוים ידידות, מיט גרוים ידידות געווען!**

ער האט דאך געזאגט - ר' הירש לייב, ער איז געווען צוזאמען מיטן רבי'ן אין לעמבערג, ער איז אויך געווען קראנק אויף די לונגען, נאר דאס איז געווען תקס"ח, און דאס איז געווען תקנ"ח (כשנפגשו לראשונה),[נו] צעהן יאר שפעטער. האט ער געזאגט: **"איך האב שוין דעמאלט אין אים קיין געפיל נישט געהאט - נאך דעמאלט צוריק מיט צעהן יאר - איצטער ווייס איך שוין גארנישט! כפי הנראה וועלן מיר זיך אלע דארפן שעמען פאר אים!".**

אויך אביסעלע דערקענט דעם רבי'ן, אביסעלע, רבי הירש לייב מֶאַליק! - עס שטייט דאך אין חיי מוהר"ן.[נז]

**דער רבי האט אויף אים געזאגט: "ער זאל זיין נאכאמאל אזוי 'פרום' ווי ער איז - וואלט ער צו זיין זאך נישט געקומען, נאר ער איז א 'קלוגער'!".[נח]**

---

[נה] עי' שבחי הר"ן - סיפור נסיעתו לארץ ישראל, אות י"ח.

[נו] עי' חיי מוהר"ן אות קי"ג.

[נז] עי' חיי מוהר"ן אות תקע"ט ותק"פ.

[נח] עי' מס' ברכות דף י"ז ע"א: לעולם יהא אדם ערום ביראה. ופי' רש"י: להערים בכל מיני ערמה ליראת בוראו. ועי' פרפראות לחכמה על ליקו"מ תניינא ה' באות ט"ז: והחכמה והתמימות הם שני ריעים זה לזה, כי גם בתמימות אסור להיות שוטה, כמבואר בהשיחות (שיחות הר"ן אות נ"א) וכן עיקר שלימות החכמה היא על ידי תמימות.

דער רבי האט געזאגט, אז ער האט געבעטן דארט - ווען ער איז אריין קיין אליק - אז ער זאל וויסן ווי אזוי זיך מיט אים צו פירן זיך![נט]

האט ער געבעטן גאט - **"ווייל ער איז א קלוגער!"**.

און ער האט געזאגט אויפן רבי'ן: **"קלוג איז 'ער', 'ויחכם מכל האדם'[ס] איז אויף אים קארג צו זאגן!"**.

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **בנימין משה נזרי** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | מוה"ר **יואל פליישמאן** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בן למזל טוב** | מוה"ר **יואל סאנדעל** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **לוי יצחק הערצאג** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בת למזל טוב** |
| מוה"ר **אהרן שווארץ** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | מוה"ר **אלטר היילפרין** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בת למזל טוב** | לזכות מוהר"ר **אלכסנדר** בן **ניסל לאה** לרפואה שלימה בקרוב בתושח"י | לזכות מוהר"ר **נתן** בן **פיגא רחל** הי"ו וזו' מרת **נחמה** בת **חיה רייזל** שתחי' |
| מוה"ר **מנחם דוד לאנדא** הי"ו<br>לרגל שמחת אירוסי בנו החתן כמר **שלמה** הי"ו למזל טוב עב"ג בת<br>מוה"ר **אביגדור שלום הכהן כ"ץ** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו | | | לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו<br>י"ב שבט תשע"ט |

---

[נט] עי' חיי מוהר"ן אות קי"ג.

[ס] עפ"י הפסוק הנאמר על שלמה המלך ע"ה, מלכים-א' ה' י"א.